Asch
Moschiach's zeiten

ש. אש

מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען.

(א חלום פון מיין פאלק).

א דראמא אין 3 אקטען

ווילנא, דרוק פון י. פיראושניקאָוו.

Мошиахсъ Цайтенъ.

т. е.

На пути въ сіонъ

Ш. Аша.

Вильна, Типографія И. I, Пирожникова. Завальная ул №. 1147

1907

296.025
A52mo

אלע רעכטע פארבעהאלטען.

דען ביהנען נעגעבאבער מאנוסקריפט געדרוקט.

אין רוסישען אימאריש איבערגעזעצט דורך: טרעפאווסקי.

אין פוילישען אויטאריש איבערגעזעצט דורך: פ. סאקאלאוו.

אין דיידטש אויטאריש איבערגעזעצט דורך: א. שולץ.

אין רוסלאנד געשיצטע דורך:

Союзъ драматическихъ и музыкальныхъ писателей. С. ПЕТЕРБУРГЪ.

אין אויסלאנד:

A. Scholc, Camphausenstr. 25. BERLIN.

אין אמעריקא:

Copirigth by Jacób P. Adler.

דירעקטאר „גראנד טעאטר"

אין פעטערבורג געווארען אויסגעפירט צום ערשטען מאל דעם 12 פעוראל.

אין ווארשוי אין דער פאלנישער איבערזעטצונג צום ע. מ. דעם 5 יולי.

פערזאנען:

ר׳ הָנָן, (אַ ג׳אַלטער בעל־הבית אין אַ קלײַן שטעדטיל׳

מַלְכָּה׳לֶע, (זײַן װײַב, אַ בכבוד׳טע בעל־בית׳טע).

בָּרוּךְ אָדֶער בָּארִים, (זײַער עלטערער זוהן, אַװאַר־שעװער סוחר).

הֶעלֶענֶע, (זײַן װײַב, אַ גרױסאַרטיגע מאַדאַם).

יוֹסֵף, (זײַער יונגערער זוהן, אַ אָרימער קלײַן־שטעדטיגער סוחר)

חַנָה׳לֶע, (זײַן װײַב, אַ פּראָסטע אידענע).

אָנקעל קַאהן, (זײַער אײַדעם, אַ דײַטש יודעל פֿון לײַפּציג).

טַאנטֶע בֶּערטַא, (זײַער טאָכטער, אָנקעל קאַהנ׳ס פרוי, שוין אַ דײַטשע „פרוי״).

אַנדרזשֶעי, (בדוך און העלענעס עלטערער זוהן, אַ סטודענט אין שװײצאַריע).

יוֹסִפִינֶע, (זײַער טאָכטער, אַסטודענטקע אין קראַקױ).

בֶּן־צִיוֹן, (יוסף און חנה׳לעס עלטערער זוהן, אַ געװעזענער בית־מדרש־בחור).

חַיִים, (זײַער מיטעלסטער זוהן, אַ בעל־מלאָכה).

משֶׁה, (זײַער אינגסטער זוהן).

רָחֵל־לֵאָה, (אַנ׳אַלטע דינסט בײַ מלכה׳לען).

18 Aug Steckert. 24

ערשטער אקט.

Digitized by the Internet Archive
in 2017 with funding from
University of Illinois Urbana-Champaign Alternates

https://archive.org/details/meshiehstsaytent008800

סצענע: אַ ברייטע לאנגע בעל-הבתישע שטוב (זאל) רעכט׳ס אַ טהיר פון די אינעווייניגסטע צימער אַריינצוגעהען, לינקס אַ צווייטע טהיר פון דרויסען אַריינצוקומען. די טהיר איז פערמאכט מיט אַ אייזערנעם פרענט און פֿעסט פערשלאסען. (די טהיר עפענט מען נור אויף, ווען גרויסע געסט קומען צופֿאהרען, אדער פורים ביי דער סעודה). אין הינטערגרונד דריי גרויסע פענסטער פערהאנגען מיט רייכע פֿאָרהאַנגען. צווישען די פענסטער אַ ברייט שויבען-שענקעל, פון וועלכען עס קוקען ארויס זילבערנע כלים, פאַרצעלייענע טעלער א. ז. וו. צווישען די צווייטע פענס- טער א צווייטע שויבען-שענקעל מיט ספרים. די וועגד בעהאנגען מיט בילדער פון רבנים, אויסגענעהט אייף קאנווע: ר׳ עקיבא אי- גר׳ס בילד, דער ווילנער גאון און נאך פאָטאָגראפיעס. אין מיט׳ן צימער א ברייטער לאנגער טיש, בעדעקט מיט א ווייס טישטוך, איבער וועלכען עס הענגט אראָב א גרויסער אלטער הענגלייכ- טער איז דער טיש. ארומגעשטעלט מיט אויסגעבעטע פאטער-שטולען. אויבען אן ביין טיש צוויי טיעפע פאטער-שטולען פאר טאטע-מאמע. ארום די וועגד אַנ׳אלטע קאנאפע מיט קישעלעך, קליינע קאָרטען-טישלעך ארומגעשטעלט מיט שטוהלען. איבער- הויפט איז צו דערקענען דאס רייכקייט פון אַנ׳אלטען בעל-בית א סוחר, וואס האט געהאט גוטע צייטען. א זומערדיגער פריהמארגען.

מלכה׳לע, רחל-לאָה.

מלכה׳לע (שבת׳דיג אנגעטהון, אין א ברייט-זיידען קלייד מיט פאלדען, א רייכע ברייטע הויב, אופ׳ן שטערן „א באנד" מיט צירונג, און אויפ׳ן הארץ דאס הארץ-ברעטעל מיט א גאלדערנע „קאללע", נעמט ארויס די זילבערנע לייכטער פון שויבען-שרענקעל און שטעלט זיי אויס איבער׳ן טיש). זיי זענען געקומען צופֿאָרען די קינדערלעך פון אלע פיער עקען וועלטען, צום אַלטען טאַטען, צו דער אלטער מאַמע.

רחל לאָה: (אַנ׳אלטע יודענע אין מלכה׳לעס יאהרען, מיט בעוואק־פענע ווארצעלעך אויף דער געמכע, אנגעטהון אין מלכה׳לעס איבערגעגאנגענע זאכען, העלפענדיג די בעל-הבית׳טע). דעם לעצטען מאָל דעם טאַטען זעהען, דער מאַמען אָנקוקען.

מלכה׳לע: יע, פאַר וואָס האָסט דו מיך נישט אויפגעוועקט, רחל לאה?

רחל לאָה: ביי נאַכט זענען זיי געקומען. מיט זעהר לײַכטע טריט האָבען זיי אין דעם צימער איינגעטרעטען, געוווּנקען צו מיר, אַז מען זאָל קיין ווארע נישט מאַכען. זיי האָבען זיך גע־הייסען אין דער אַפעציגנע פיהרען, וואו זיי האָבען פערבראַכט די יונגע יאָהרען. דאָ וועלען זיי איבערנעכטיגען, יעדערער בעזונדער. צו מאָרגענס וועלען זיי זיך בעגריסען.

מלכה׳לע: מיט אַ מאָל זענען זיי געקומען, ווי זעהען זיי אויס?

רחל לאָה: יעדער בעזונדער מיט זיין ווייַב און קינדער־לעך, יעדער איז אין אַ בעזונדער שטוב אָבגעגאַנגען די רעשט נאַכט פערברענגען אין דער שטיל, אַז ער זאָל נישט דעם צווייטען וועקען.

מלכה׳לע: (מיט טרעהרען אין די אויגען). אַז איך האָב יאָ די זכיה געהאַט צו דערלעבען דעם היינטיגען טאָג, די קינדער ארום דעם טאַטען צו זעהען מיט זייערע ווייבער און אייניקלעך— קען איך שוין רוהיג די אויגען צו מאַכען (צו רחל לאה׳ן): מיר האָבען אונזער טענצעל אָבגעטאַנצט, יעצט זאָל דאָס יונגוואַרג געהרעינען אין קל.

רחל לאָה: דעם גרויסען טיש וועט מען אומרוקען (טהוט דאס). דאָס זילבערן געפעס וועט מען פון שויבען־שענקעל אַרויס־נעהמען, אַזוי ווי צום סדר (טהיילט ארום טיש „גאפעל-מעסער"). יעדען זיין גאָפּעל מיט זיין מעסער פונקט ווי דענסמאָל. ווען דאָס איז נאָך אין דער היים געווען, ברוכ׳ן דעם בכור ביים טאַטען. דאָ אויף דער זייט, ביי די מאמעשי, ביילעלע׳ן דאָס כלה-מיידעל. און דאָ ביי דער מאַמע צו ליִנקס דאָס הויכע ביינקעל פאַר׳ן בן־זקונים׳ל, וואָס צופּט די באָבע ביי דער געמבע.

מלכה׳לע: און פאַר׳ן בן-זקונים׳לס ווייַב מיט די קינדערלעך האָסט דו, רחל לאָה, פערגעסען?

רחל לאָה: פון זינען מיר גאָר אַרוי׳ס. וואָס דען מיינט איהר, בעל-הבית׳טע? דאָס וואָס איז ווייַט פון די אויגען, איז ווייַט פון האַרץ.

מלכה׳לע: ווי זאַלץ אין וואַסער, אַזוי איז זיך דאָס צו-שוואוּמען. ווען עס האָט דער ווינד אין ווייַטע לענדער געטראָגען, ווען עס האָט די פאַלע איבער׳ן ים געיאָגט. (קוקט אויף די פאטאגרא-פיעס) איז אַנ׳אייניקעל צוגעקומען, האָבען זיי דעם טאַטען מיט דער מאַמע אַ פאָטאָגראַפיע נעשיקט. חומש אָנגעהויבען—אַ פאָ-טאָגראַפיע געשיקט, בעל מצוה געוואָרען—אַ פאָטאָגראָפיע, געה האָב נחת פון פאַפירענע קינדער, פון פאַפירענע אייניקלאך, אָט שטעה איך דאָך פאַר דעם (זי געהט צו צו די פאטאגראפיעס) ווייַן צו דעם, לאַך צו דע—און דאָס שווייַגט תמיד. עס איז דאָך פאַ-פיר, פאַפיר איז דאָך שטום!

רחל לאָה: (ווישט זיך די אויגען). ווי דער שמיין אין וועג... דרייַ קינדער זענען פון מייַנע געדערים אַ־וים. וואו האָב איך זיי? אַמעריקע איז מיר אַ לעבעדיג בית-הקברות געוואָרען. די קינדער מיר צוגענומען. קומט אַ יום-טוב, אַ שבת צום טיש גרייַטען. גלויבט מיר, בעל-הבית׳טע, מען פערגעסט זיך אַ מאָל און מען שטעלט אַנ׳איבעריג טעלערעל פאַר אַ קינד׳ס וועגען אויך אַנידער.

ר׳ חנן. די פאָריגע.

ר׳ חנן: (קומט אריין פון שטוב רעכט׳ס. אַ הויכער, אַלטער יוד פון א יאהר אכטציג, מיט חויכען שטערן און א לאנגע ווייסע בארד). שעמען זאָלט איהך זיך, ווייַבער, שטעהען און וויינען, די קינדער זענען דערווייַל אָנגעקומען צו געהען (מען הערט אנקומענדע טריט פאר דער טהיר). לאָז מען אויפעפענען די יום-טובדיגע טהיר. (געמט אראב דעם פרענט פון דער טהיר, פראלט זי אויף און רופט): קומט אַרייַן, קומט אַריין, מייַנע פערזייַטע קינדער פון אַלע פיער עקען וועלטען.

באָרים, העלענע, יוסטינע, אַנדרזשעי, די פאָריגע.

באָרים (קומט אריין, א דייטשגעקליידעטער יוד מיט זיין פרוי הע-לענע, יוסטינע, אנדרזשעי). פאָטער, ליבער פאָטער!

ר׳ חנן: ברוך, ברוך, מיַין זוהן (קושט זיך מיט איחם).

מלכה׳לע: (מיט טרעהרען). ברוכ׳ל, ברוכ׳ל (קושט זיך מיט העלענ׳ען).

באָריס: אך מוטער, ליבע מוטער (קושט זיך מיט דער מוטער).

רחל לאה: (פון דער ווייטען). אויף די הענד האָב איך דאָס אַרומגעטראָגען, אין חדר אַריַין געפיהרט און פון חדר געבראַכט. די באָבע האָט צוקערליך אויפ׳ן וועג ביי פייגעלע׳ן געקויפט.

ר׳ חנן: לאָז מיך דיינע קינדער זעהען.

באָריס: אַנדרזשעי, דאָס איז דער גרויס־פאָטער.

העלענע: (ווי פארשטעלענדיג). אַנדרזשעי, מיַין עלטסטער זוהן, סטודענט אין בערן.

אַנדרזשעי: [קושט זיך מיט׳ן זיידען]. זיידע, זיידע.

מלכה׳לע: (פון דער וויטען, האלבליך צושאקלענדיג מיט׳ן קאפ, מיט טרערען אין די אויגען). מיַין טאַטע אַנשעל, דער מורה־הוראָה פון שטאָדט, פון קבר האָט ער געדאַרפט אַרויסצוגעהען און זעהען זיַין אייניקעל.

אַנדרזשעי: (צוגעהענדיג צו די באבע און איהר די הענד קושענדיג)׳ וואָס הייסט נאָך איהם אַנדרזשעי.

ר׳ חנן: (צופט דאס וויַיב ביים ארבעל). לאָז געמאַך, לאָז געמאַך.

מלכה׳לע: (קושט דאס אייניקעל אין קאפ). עס שניידט ביים האַרץ.

באָריס: (וויַיזענדיג אויף די טאכטער). און דאָס איז די באָבע יענטעלע.

העלענע: מיַין טאָכטער יוסטינע, סטודענטקע אין די אוניווערזיטעט, אין קראַקוי.

יוסטינע: (קוסט דעם זיידען די הענד). זשאַדזשאָ! זשאַדזשאָ!

מלכה׳לע: לאָז מיך קושען די מאַמע יענטע׳לע, אין ליכטיגען גן־עדן זאָל זי זיַין, (קושענדיג דאס אייניקעל) האָסט דיך,

טאָכטעריל, גאָרנישט געדאַרפט שעמען מיט די באָבעס נאָמען, א פרומע יודענע געווען.

יוסטינע: (צו אנדרזשעי, ווייזענדיג אויפ'ן זיידען). קוק, איך האָב עס באַלד געוואוסט אַז דער זיידע אונזערער מוז אַזוי אויסזעהן, בעטראַכט די געזיבעצ=ציגע, דעם שטערן, די נאָז, מען דערקענט באַלד, אַז די פּוילישע זוהן וואָס גליהט די זאַמדיגע ווײַכסעל בערג, האָט דאָס פּנים אָבגעבּרענט. אַזוי האָבען געמוזט אויסזעהן די יודען אין קאַזמירזשעס צייטען. (ווייזענדיג אויפ'ן זיידעס באָרד) די באָרד, אַך די באָרד, גלויב מיר, ווען וויספּאַנסקי זעהט די זילבערנע האָר פון דער באָרד, וואָלט ער געמאָלט א בילד, אַ יוד, אַ „פּאַן" פאַר'ן נאַראָדאָווע מוזעאום אין קראַקע.

ר' חנן: (צום זוהן). יועגען וואָס דערצעהלט זי דאָס אַ זעלכעס?

באָרים: זיי האָבען דאָרט זייערע אייגענע נעשעפטען

העלענע: (צו מלכה'לע). פון די שקאָלעס דאָרט, וואָס זיי לערנען, פון די ביכער דאָרט, וואָס זיי לייענען. (אין די פענסטער ווייזען זיך פּנימ'ער פון יודען אין שוואַרצע היט, יודענעס אין טיכער איינגעהילט, אריינקוקענדיג אין שטוב. טריט קומען אן).

ר' חנן: שווייגט, שווייגט.

יוסף, חנה'לע, בן-ציון, משה, חיים, די פאָריגע.

יוסף: (אָנגעטהון אין אַלאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ שניט פון הינטען, אין אַ יודישען הוט; חנה'לע אין אַ שייטעל, בעל־בתיש געקליידעט).

ר' חנן: שלום עליכם (צוקושען זיך).

יוסף: עליכם שלום, טאַטע

מלכה'לע: (צו חנה'לען). ס'קאָצעל קום, דעם אויוען צו צו ברעכען.

חנה'לע: גוטען אָוועַד, שוויגער לעבען (צו קושען זיך).

יוסף: (צום טאַטען). קענסט דו מיינע בחורים? דאָס זענען זיי: חיים, דער בכור, פון די גרויסע, גרויסע מאַבערס...

חיים: א הויכער צוואנציג-יאהריגער בחור אין א רוסישע שווארצע רובאשקע מיט לאנגע האר, גארקיין אין די קלאפּקע, געהט צו צום זיידען. גיעט'ן די האנד, דערנאך די באבען).

יוסף: דאָס איז דער צווייטער, בן־ציון, דער ברענגט מאָר גען משיח׳ן, און פיהרט אונז אַלע אַראָב קיין אֶרץ־ישׂראֵל.

בן־ציון: (א הויכער. אין לאנגען שניט ראק, שוין אין א אויפ־געשטעלטען קראגען, און א ציוניסטישער שפילקע אין דער קלאפּע, געהט צו צום זיידע׳). שלום! (צו דער באבע) שלום!

ר׳ חנן: עליכם שלום.

משה: און איך הייס משה, כ׳בין דיין אייניקעל. שלום עליכם, זיידע. (גיעט׳ן די האנד) גוט אָווענד, באָבעשי (קושט די באבע די הענד).

ר׳ חנן: דאָ הערט מען כאָטש אַ יודיש וואָרט, געלויב צו גאָט דערפאַר.

באָרים: (שטעלט פאר די שווענערין הנהלען פאר דער פרוי). דעם ברודער׳ס פרויה, חנ... ווי אַזוי, חנה׳לע, דאַכט זיך.

העלענע: (טהוט אן די פאנסנע אויף די נאז, פון דער ווייטען). זעהר מיר אַנגענעהם.

חיים: (צו משה׳ן, אין דער זייט). קוק מיר אָן די מומע, דו זאָלסט מיר לעבען.

משה: : מען דאַרף זי פרעגען ווי זי הייסט.

בן־ציון: (שטעקט אוים די האנד צום פעטער). שלום, דערנאך צו די ומע שלום, שלום.

העלענע: (שטעקט איהם אוים די האנד פון דער ווייטען, אוועק־גאיגענדיג דעם קאפּ). אַך ווי דאָס איז נישט ערצויגען.

יוסף: (צו היימ׳ען אין א זייט) געה בעקען דיך מיט די מומע.

חיים: (הויך). צו וואָס דאַרף איך זיי, די אָנגעפרעסענע בורושזאַזען, לאָזען זיי קומען צו מיר.

יוסף: (שטיל). שווייג, זיי הערען דאָך.

חיים: (הויך). לאָזען זיי הערען. ־יעמען גייט עס אָן.

בן־ציון: (צו יוסטינען). שלום, עלמה.

יוסטינע: איך פערשטעה זיי נישט, רעדען זיי פויליש.

בן־ציון: איך זאָל רעדען פויליש? וואָס בין איך. אַ יוד צי אַ פּאָליאַק? איך בין אַ יוד, רעד איך יודיש, ווי אונזערע על־טערן האָבען גערעדט, ווען זיי זענען געווען אין זייער הייליג לאַנד.

יוסטינע: אָבער היינט וואו זענען זיי? דאָ, אויף פוילי־
שע ערד, דאַרפען זיי רעדען פוילִיש.

בן־ציון: (צו משה'ן). וואָס זאָגסט דו צו די אָבגע־
פליקטע הושענה, אַודאי אַ אַסימיליאַטאָרקע.

באָריס: (צו יוסף'ן). ווי געהט עס, ברודער?

יוסף: ווי אַ יוד אַ כוחר.

באָריס: און מיט פרנסה וואָס הערט מען?

יוסף: ווי גאָט העלפט.

העלענע: (קומט צו). פאַר וואָס האָט דער שוואָגער די
קינדער נישט געלאָזט בילדען:

יוסף. היינט איז אַרויסגעקומען אַנ'אַנדערע צייט, נישט
מיר בילדען די קינדער, היינט בילדען די קינדער די עלטערן.

אָנקעל קאַהן, טאַנטע בערטהאַ, די פאָריגע.

אָנקעל קאַהן (קלאַפּט אין טהיר). מאַן קאַן?

ר' חנן. זייט מוחל.

אָנקעל קאַהן (א נידריג יודעל, מיט א דיק בייכעל, א נידריגען פעטען האלז, וועלכער ציהט זיך ארויס פון א גומענעם קאלנער, קומט אריין מיט די מאדאם קאהן, זיין פרוי, וועלכע איז אנגעטהון אין א ברייטע קארענקאווע קלייד, האלטען זיך אונטערן ארם. ער מיט א גרויסען טשעמאדאן, שפריכט דייטש)

גוטען אַווענד, מיינע ליעבע לויטע.

ר' חנן. ברוך בואכם.

אָנקעל קאַהן (קושט די האנד ר' חנ'ן) קוסע די האַנ־
דע מיינען ליעבען שוויגער־פאַטער'ס (צו מלכה'לען) ווי פינדעט
זיך די ליעבע שוויגער־מוטער? (ווייזט אויף די פרוי). האבע איך
איהרע טאָכטער גאָט צו דאַנק לייטליך אויסגעשטאַטעט? גלויבע
אויך, זי האַט זיך נישט איבער מיר צו קלאָגען. נישט וואַר.
מיין אנגעל?

די טאַנטע בערטאַ. וואַר, מיין ליעבער, וואַר, מיין
גאַטע. (קושט זיך מיט די מוטער).

אָנקעל קאַהן. האָבען וויר געוואונשען די ליעבע שווי־
גער־עלטערן צו אונז אויף אַ ברית צו פערבעטען, האָט עס דער
הער גאָט נישט געשטאַטעט. נישט וואַר, מיין גאַטע?

ר׳ חנן: (צו די טאכטער) בעקען דעם מאַן מיט די משפחה.

אָנקעל קאַהן: (מיט פאראד). איז עס אונז זעהר אַנגע־נעהם, (נעמט די טאנטע בערטא אין ארעם) דען זאָ לאָזט עס ד״ר הער מאָזעס, אין דער הייליגער שריפט שרייבען: דערוועגען זאָלטע דער מאַן זיין פאַטער און מוטער פערלאַזען... נישט וואַר מיין אַנגעל? (געהן אַרום, גאַרעמטערחייד צו דער משפחה).

העלענע: (שטעלט פאר די קינדער מיט א געשנירעלט פיסקעל): אָנקעל קאַהן און טאַנטע בערטאַ.

אנדרזשעי: (גיעט דעם פעטער מיט די מומע די האנד).

אָנקעל קאַהן: אַנגענעהם, אַנגענעהם, היבשע יונגע, יאַ, יאַ, היבשע יונגע.

העלענע: טאָכטער, דער אָנקעל קאַהן מיט די...

יוסטינע: אוועק דרעהענדיג זיך). כ׳האָב געהערט, גע־הערט, זעהר מיר אַנגענעהם שאקעלט מיט׳ן קאפ).

(דער אָנקעל מיט די טאַנטע געהען ווייטער אַרום גאַרעמט).

יוסף (שטעלט פאר זיין ווייב חנה׳לע, חנה׳לע נייגט זיך און שמייכעלט גוטהערציג צו די זיהן) דאָס איז דער אָנקעל קאַהן מיט די טאַנטע בערטאַ.

בן־ציון: (גיעט דעם אנקעל די האנד) שלום, שלום, צאָהלט דער אָנקעל אַ שקל אין זיין פעראיין?

דער אָנקעל: אין דעם קולטוס־געמיינדע, דענקען זי? יאַ, זעלבסטפערשטענדליך, דאַן אויך דעם חזן אונד דעם שוחט.

בן־ציון: אָבער אַ שקל, נעמט איהר, פעטער? (יוסף שלעפט דעם אנקעל אוועק, דער לעצטער ווארפט ארונטער דעם קאפ).

אָנקעל קאַהן: יאַ, יאַ, אין בעסטען אָרדנונג, מיין הער.

יוסף: (צו משה׳ן). דער אָנקעל קאַהן און די טאַנטע בערטאַ.

משה: דער פעטער פיני מיט די מומע רייזע, הייסט עס אויף יודיש.

דער אָנקעל: (קוקט איהם אן, וויל עפּעס זאגען, יוסף שלעפּט איהם ווייטער צו חיימ'ן).

יוסף: (צו חיימ'ן). בעקען דיך מיט דעם אָנקעל קאַהן און מיט די טאַנטע בערטאַ.

חיים: (גיעט איהם די האנר, וואויולעריש). האָט איהר עפּים, פעטער, אַ פאַבריקעל? וויפיעל אַרבייטער אַרבייטען ביי אייך?

אָנקעל: יאַ וואָהל, מיין הער, האַבע גאַלאַנטעריי־פאַבריקאַציאָן, זעהר היבש. זינד זי פּילייכט אַבנעהמער? האַבע צופעליגער־ווייזע פראָבען ביי מיר, אַנוועזענד (טאפּט זיך ביי דער קעשענע. יוסף שלעפּט איהם אוועק).

אָנקעל: (אוועקגעהענדיג). וויר ווערדען נאָך איבער דיעזען שפּרעכען.

ר' חנן: לאָזען מיר זיך צום טיש זעטצען. כ'האָב אייך עפּעס צו זאָגען.

יוסף: (צו באַרים'ן) לאָזען מיר צום טיש געהען, דער טאַטע האָט אונז עפּעס צו זאָגען. (צווישען די איבריגע טשעשעט מען) דער זיידע האָט אונז עפּעס צו זאָגען. (מען זעצט זיך ארום טיש. ר' חנן אויבען אן. ארום איהם די קינדער, יעדער נאך זיין שטאנד. מלכה'לע מיט די טאכטער און „די שניר פון דער צווייטער זייט טיש. דער עולם שטילט זיך איין).

ר' חנן: איך האָב אייך דאָ געלאָזט אַהער בעטען, מיינע קינדער, איך האָב זיך זעהען געוואָלט מיט אייך דאָס לעצטע מאָל פאַר מיין טויט, צו ווייט איז מען געוועז איינער פון אַנדער'ן ביים לעבען. יעדען האָט דאָס מזל געטראָגען אין אַ נ'אַנדערע מדינה, און איינער האָט דעם צווייטען נישט געקענט. איידער איך וועל די אויגען פערמאַכען, וויל איך אייך אָנקוקען, זעהען וואָס איז פון מיר אַרויסגעקומען, אין דער וועלט געגאַנגען, (צווישען עולם ווערט זעהר שטיל. די ווייבער חליפען).

אָנקעל: (נעהמט ארויס א טיכעל און פערשטעלט זיך די אויגען).
מיין זעליגער פאָטער, זעליגער פאָטער

ר' חנן: מיינע ביינער זענען צו שוואַך און פערלאַנגען רוהע;

גענוג אָבגעהאָרעוועט אויף דער וועלט, מיינע ביינער בענקען אהין צו דעם הייליגען לאַנד פון אונזערע אָבות.

אָנקעל: (צושאקלענדיג מיט׳ן קאפ): אין דעם לאַנד פון אונזערע הערצען פראָפּהעטען און קעניגע.

ר׳ חנן: איך האָב זיך מיט אייך זעגענען געוואָלט פאַר אונזער אַראָב-פאָהרען קיין ארץ ישראל, וואו מיר, איך און איי ר מאַמע, וועלען פערברייגגען אונזער רעשט טעג אויף תורה און עבודה, ביז גאָט וועט בעווילינען און וועט אונזערע אויגען פער-שליסען אויף אויבינ. (די ווייבער וויינען).

די טאַנטע: (חויך מיט א געוויין) טאַטע, טאַטע, ווי פערלאָזט דו אונז? (פאלט ארויף אויף די מוטערס האלז).

העלענע: פאָהרט די שוויגער פון אונז אָב אויף לאַנג, און וויים?

ר׳ חנן: איך לאָז אייך איבער אין גלות, פערזייט און פער-שפרייט, ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין איבער אונז, און וועט אונז פון גלות אויסלייזען, און אַ היים פיהרען.

אַנדרזשעי: (צום זיידען פערוואונדערט): „אַ היים פיהרען״, און אונזער היים וואו איז?

ר׳ חנן: (שאקעלט מיט׳ן קאפ אייף בארים׳ן) אַז מיר וועלען עס זוכה זיין, און אַז עס וועט קומען די ריכטיגע מינוט, וועט גאָט שיקען זיין משיח׳ן און אונז אַ היים, קיין ארץ-ישראל פיהרען.

אָנקעל: יאַ, יאַ, אין דעם הייליגען לאַנדע אונזערע הערצען פראָפּהעטען, ווי דער פרעדיגער פלעגט עס זאָגען אין דער זינאַגאָגע יעדען זאָנאַוועגד.

משה: (צו חיימ׳ן און בן-ציונ׳ן אין דער זייט) ווי געפעהלט אייך דער אָנקעל?

בן-ציון: (פאלט אריין אין די רייד): אונזער היים איז ציון. אָבער נישט דאָס ציון פון די אַלטע לייט, וואָס פאָהרען אַראָב שטאַרבען. זייער ציון איז אַ בית-הקברות, אַ נ׳אַלט בית המדרש, וואו מען לעגט אריין אַלטע שמות און וואַרטען אויף משיח׳ן, ביז ער וועט צו תחית המתים וועקען... מיר, יונגע, מיר וואַרטען ניט אויף משיח׳ן, אונזער משיח זענען מיר אַליין. נאָך ציון וועלען

מיר געהען, מיט אונזער בלוט איהרע פעלדער בעפעטען, מיט אונזער שווייס זיי אנטרינקען.

(צווישען עולם ווערט א בעוועגונג, איינער קוקט אויפ׳ן צווייטען).

חיים: (אין דער זייט): אז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן.

ר׳ חנן: וואס רעדען זיי דאס אזעלכעס?

יוסף: זייערע געשעפטען דארט.

ר׳ חנן: (אויף בן-ציון צו יוסף׳ן): איך פערשטעה שוין גארנישט, ניבא טא איז עס א יוד, ניבא טא איז עס נישט קיין יוד. ווייל נאך ציון און גלויבט נישט אין משיח׳ן, רעדט לשון־קודש און געהט אהן א הוט. האט איהר געזעהן א ביסעל, א יוד?

יוסף: דאס זענען פון די נייע יודען, נייע יודען.

משה: (צו ר׳ חנן׳ן און יוסף׳ן): אזוי, זיידע, אזוי, טאטע, עס איז שוין אלט געווארען דאס יודישקייט, מען דארף עס איבער־באקען, איבער-פרישען.

באריס: (צו חנן, אויף חיימ׳ן און בן ציו׳ן): דאס זענען אט פון יענע יונגע לייט, וואס איבער זיי קומט אויף יודען אלדעם שלעכטס.

העלענע: (צו טאנטע בערטא). עס איז קיין וואונדער, קיינע ערציהונג, קיינע בילדונג (קוקט אויף חנה׳לען און שאקעלט טרויעריג מיט׳ן קאפ):

אנקעל קאהן: (הויבט זיך אויף מיט פאראד): מיינע דאמען, מיינע הערען! איך פערשטעה עס גאנץ גענוי, ווען אזעלכע אלטע לויטע, ווי שוויגער-פאטער, וואלטען די רייזע נאך ציון מאכען. איך בין אויך פרומע יודע, און דער פרעדיגער פלעגט עס זאגען אין דער זינאגאגע יעדען זאנאבענד. אבער זאלכע יונגע לויטע, וואס זאלען זיי דען אין ציון מאכען? קיינע פאבריקאציאן, קיינע אינדוסטריע. נישט וואהר, מיין אנגעל?

טאנטע בערטא: וואר, מיין ליבער, ווּאר, מיין גאטע.

אנדרזשעי: (ווי צו זיך): ציון! איך האב עס נאך קיין מאל נישט געזעהן, נישט אין חלום, נישט אין דער וואהר, דער נאך קיינמאהל נישט געדענקט,—איך פיהל, עס איז נישט, אז דאס איז מיין, און איך וויל דאך צו וועמען געהערען, נאך וואס בענקען, וואס דאס ליעבען...

יוסטינע: אויף פוילישע ערד בין איך געבוירען, אויף

פוילישע לאַנקעס האָב איך מיך ערצויגען. די זון, וואָס בעגיסט די פוילישע פעלדער, האָב איך צום ערשטען מאָל דערזעהן. מיין היים איז דאָס לאַנד, וועלכעס האָט מיך אין זיין שויס געהאַלטען, פון זיין מילך געזויגען. קיין אַנדער היים, קיין אַנדער לאַנד קען איך נישט, האָב איך נישט.

העלענע: (צו טאַנטע בערטאַ) שטודירט אין אויסלאַנד, געבילדעט ווי אַ מאַנספערזאָן. עס האָט גענוג געלד אָבגעקאָסט.

טאַנטע בערטאַ: מען בעמערקט עס באַלד אין איהר שפּרעכען אַזוי פיין, אַזוי איידעל.

העלענע: איין צרה נור, זי וויל נישט חתונה האָבען. וויפיעל מען רעדט דאָס שדוכים אוים.

טאַנטע בערטאַ: עס איז היינט אַזאַ מאָדע, עס וועט איבערגעהען, זי וועט עלטער ווערען, וועט זי קליגער ווערען.

העלענע: געבע גאָט, געבע גאָט.

בן־ציון: (דורך די צייט, ווען טאַנטע בערטא מיט העלענען שמועסען בעזאמען, ווענדעט זיך בן־ציון, שאקלענדיג דעם קאפ אויף העלענען): „אוי גלות־קינדער, אוי גלות קינדער.

משה: אַ גלות־מאַמע. איז אויך אַ מאַמע.

בן־ציון: מען דאַרף זי זיך פון האַרץ אויסרייסען און אַוועק־וואַרפען, עס איז אַ מאַמע אַ קאַליקע.

משה: אַ מאַמע אַ קאַליקע איז פּאָרט אַ מאַמע.

חיים: (הייבט זיך אויף, ווארפט די ווערטער אהין צום טיש) היימאַט און פאָטערלאַנד דאָס איז אַ געשעפט פאַר אייך, בורשואַזיע מיר, אַרבייטער, פּראָלעטאַריאַט, האָבען נישט קיין היימאַט, די גאַנצע וועלט בורשואַזיע איז אונזערע שונאים; אונזער פאָטערלאַנד איז דאָרט, וואו דער פעטער קאַפּיטאַליזמוס טרינקט נישט פון אונזערע ביינער דעם מאַרך אוים...

יוסף: (צום טאטען) הע, טאַטע, אַרויסגעקומען אַ צייט, די קינדער רעדען פאַר די עלטערן.

משה: אַז די עלטערען האָבען נישט אָבגערעדט פאַר די קינדער, מוזען די קינדער פאַר די עלטערן אָברעדען.

ר׳ חנן: (הויבט זיך אויף פון טיש, ציהט מיט זיינע צוויי זיהן באריס׳ן און יוספ׳ן, דרעהט זיך איבער דעם שטוב) עס האָט דאָרט אין

דרויסען געמוזט אנ'אנדער וועלט ווערען, וואָס טהוט זיך דאָס אזעלכעס, דאָרט, ביי אייך, אין גרויסע שטעדט?

יוסף: טאַטע, מיך פרעג, ביי אונז אין די הינטערגעסלעך ריהרט עס שוין שטאַרק אָן, ביי זיי (ווייזענדיג אויף באריס'ן), דאָרט אין די הויכע פענסטער הויבט עס ערשט אָן צו דערגרייכען, איינציגוויַיז, ביז עס וועט צו זיי קומען, ווי אַ דונער אונגעריכט.

ר' חנן: עפּעס שטאַרבט אָב, עפּעס ווערט געבוירען. וואָס, וואָס איך נאָך אַליין נישט.

יוסף: אָבער, טאַטע, וואָס וועט דער סוף זיין?

באָריס: ע, אַז דאָס וועט אויס'חתונה-האָבען, וועלען זיי אין אַלע נאַרישקייטען פערגעסען.

יוסטינע: (דורך די צייט, ווען ר' חנן רעדט מיט די קינדער, הערט זיך פון טיש אבגעהאקטע ווערטער, ווי זי קריעגט זיך מיט'ן אנקעל קאהן): די גאַסטפריינדליכקייט, פון די פּוילישע קעניגען... איהר אַלס געסטע פונ'ם לאַנד...

אָנקעל קאַהן: ענטשולדיגט בעסטענס (בעמערקט, ווי ר' חנן רעדט מיט די צוויי זיהן, אונרוהיגט זיך): אָבער באַ גוטע בירגער... ליעבע מיין פאָטערלאַנד... ענטשולדיגט בעסטענס. (אין א זייט צו טאַנטע בערטא). דער פאָטער שפּריכט מיט די זענע געוויס איבער די ערבע. (צו יוסטינען). יאַ, יאַ, וויר זאָלען נאָך איבער דיעזען שפּרעכען. (ער געהט אהין צום שווער מיט די זיהן): זאָ, זאָ, פאַטער. נון שפּרעכען וויר איבער עטוואָס אַנדערס. וואי פינדעט זיך דער ליעבער פאָטער? יאַ, עטוואָס אָבגעצערט, זאָלטע דער פאַטער קומען צו אונז זיך ערהוילען, מיר מאַכטען בעזאַמען די רייזע אין וואַרעמעסבאַד, עס זאָלטע דעם פאָטער גוט דיענען? דען נישט וואַר, מיין אַנגעל?

טאַנטע בערטא: וואַר, מיין ליעבער, וואַר, מיין גאַטע.

מלכה'לע: (געהט אב פון טיש מיט חנה'לען): פון איין בעט איז דאָס אַלץ אַרויסגעקראָכען, הינטער איין באַלקען זיך אויפגעחאָוועט, אין דער וועלט געגאַנגען, יעדער בעזונדער מיט זיין שאָבען צוריקגעקומען...

אָנקעל קאַהן: (צו דער שוויגער-מוטער): אַך, די ליעבע מוטער פערלאָזט אונז שוין. ווי בעטריבט דאָס מיין הערץ.

אַנדרזשעי: (וואס איז איבערגעבליבען ביים טיש, קלאפט מיט די פויסט אין טיש אויסרופענדיג הויך): וואָס בין איך? צו וועמען געהער איך! הערט! איהר, וואָס האָט מיר לעבען געגעבען, וואָס פאַר אַ ציעל האָט איהר מיר אין לעבען געגעבען? וועמען זאָל איך ליעב האָבען, וועמען זאָל איך פײַנד האָבען? וועמען זאָל איך געהערען?

בן=ציון: דו קעהרסט דעם אידישען פאָלק אָן, דײַן לאַנד איז ציון.

אַנדרזשעי: קײנמאָל נאָך האָב איך ציון נישט געזעהען, קײן מאָהל נאָך האָב איך נאָך ציון נישט געבענקט!

בן=ציון: דו וועסט פערבענקען... (געהט אב פון טיש או זינגט פיר זיך):

„עוד לא אָבדה תקותנו.
התקוה הישנה“.

יוסטינע: די ערד, וועלכע האָט דיך אויפגעצויגען; די קעהרסט דו אָן.

אַנדרזשעי: די ערד וועלכע האט מיך אויפגעצויגען, איז מײַן און קײנמאָל נישט מײַן געוועזען!

יוסטינע: (זי געהט אב אין א זייט, און זינגט פאר זיך):

Jeszcze Polska nie zginera Poli my zyjemy.

חיים: (רופט צו איהם): די מלחמה פון ארימען פראָלעטאַריאַט רופט צו דיר.

אַנדרזשעי: די מלחמה פון אָרימען פראָליטאַריאַט איז אַ אַלגעמײנער שטאָדטס=גאָרטען, איך דארף אַ שלאָפּס=שטוב דעם קאָפּ אַניעדערצולעגען.

חיים: (געהט אב, זינגט פאר זיך):

הימעל און ערד וועלען אונז הערען
אַ נ׳עדות וועלען זײַן די ליכטיגע שטערן.
מיר שווערען, מיר שווערען!“

אַנדרזשעי: (קלאפט אין טיש מיט די פויסטען אין דער האנד); וואָס בין איך? צו וועמען געהער איך? גיעט מיר אַ ציעל אין לעבען! לאָזט מיך איבער עפעס לײַדען, עפּיס ליעבען! (געהט צו צום זיידע) זײַדע, דו פאָהרסט אַרויס קײַן ארץ=ישראל. צו וואָס?

ר׳ חנן: איך וויל קומען צו קבר־אָבות אין דעם לאַנד פון אונזערע עלטערן!

אַנדרזשעי: און אונז דאָ וואָס לאָזט דו איבער?

ר׳ חנן: אמונה.

אַנדרזשעי: און וואו האָב איך זי?

ר׳ חנן: פרעג דעם טאַטען, וואָס האָט דיך אויפגעצויגען

אַנדרזשעי: (צום פאטער): טאַטע, זאָג דו, וואָס דו האָסט מיר לעבען געגעבען, וואָס פאַרא ציל האָסט דו מיר אים לעבען געגעבען?

באָרים: און דו רעדסט די נאַרישקייטען, שעמען זאָלסט דו דיך, ענדיג אויף דאָקטאָר און נעם אַ כלה מיט אַ סך נדן, וועסט דו האָבען אַ ציל אין לעבען.

(פארהאגג פאלט פלינק).

צווייטער אקט.

אין ר׳ חנן׳ס גארטען. רעכטס צווישען געדיכט בעזעצטע בוימער א וועראנדע מיט האלב-איינגעשטעלטע פלינעל (דאכט זיך א סוכה). אין די וועראנדע איז געגרייט צום טיש — אויף טהעע. אין הינטער-גרונד ווייט א הייכער וואלדיגער בארג, פון צווישען די בוימער זעהט מען ארויס צוויי הויכע שפיטצען מויער פון אג׳אלטער חורבה, וועלכע זעהען אויס, ווי אונגע. הויערע קומענס, וואס שטייגען צווישען די בוימער. ארום בארג זעהט מען, ווי עס ציהט זיך א שמאלע ווייטע וועג-סטענגע, בעזעצט מיט הויכע. אורואלטע טאפאלען. אין מיטען-גארטען א הויכע לינדען-אלעע. גראז-בענק הינטער די בוימער. לינקס א פלויט מיט א פארטקע, נאכהער לאנגע פעלדער, וואס ווערען פערלוירען אין א טהאל, דערנאך ציהען זיי זיך בארג-אויף.

ר׳ חנן, מלכה׳לע, באריס, העלענע, אנקעל קאהן, טאנטע בערטא, יוסף, חנה׳לע, רחל-לאה, אנדרושעי, משה, בן-ציון.

ר׳ חנן: (מיט מלכה׳לען אנגעטהון אין שבת׳דיגען האלטען צוויי גרויסע סדורים געהען איבער די לינדען—אלעע אין גארטען צו דער פארטקע צו. נאך זיי געהט נאך א יונגעל פון א יאהר ניין, א אטלאסען קאפעטיל, מיט געקרייזעלטע פיאות לעך, טראגט נאך נאך זיי צוויי גרוסע סטערין--ליכט, נאך זיי געהט נאך רחל-לאה, ווישט זיך די אויגען מיט׳ן פארטוך. שפעטער די משפחה. די אלטע פערלאזען דעם גארטען דורך ד׳ פראר-קע, נאך זיי דער יונגעל מיט די ליכט).

(מלכה׳לע און די פאריגע, אויסער אייניגע)

רחל־לאָה: (צוריקגעהענדיג) געהען די אַלטע אויפ'ן בית־הקברות, געזעגענען זיך מיט די טויטע ביים לעבען. דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קבר איבערגעלאָזט, אין אַ פרעמדע מדינה פאָהרען זיי שטאַרבען, וואו משיח וואוינט... (אבגעהענדיג) זיי געהען די אַלטע אויף בית הקברות צו בעטען ביי די טויטע פאַר די לעבעדיגע.

משה: (צו רחל־לאה'ן) וואָס רעדט איהר דאָס צו זיך, באָבע'שי?

רחל־לאָה: וואָס דאָס האַרץ טהוט וועה, און קיין אַנדערע פיהלט עס נישט. (זעצט זיך מיט משה'ן אין א ווינקעל, אויף א גראז־באנק).

טאַנטע בערטאַ: (פערבעט די געסט אויף די ווערانדע) וויר ביטען שען! ערלויבען זי דאָך צום טהע!

(אלע, אויסער בן ציון און אנדרזשעי, וועלכע זענען עפעס פערטהון אין א שמועס, געהען צו דער ווערانדע).

העלענע: (נעמט אן אנדרזשעין פאר'ן ארבעל) קום דאָך מיט.

אַנדרזשיי איך דאַנקע, מאַמאַ, באַלד.

(אלע זעטצען זיך ארום טיש. אנקעל קאהן צווישען העלענען און טאנטע בערטען. טאנטע בערטא גיעסט אן גלעזער טהע, העלע־נע העלפט איהר צו, שטעלען ארום און בעטען צו טרינקען. די מאנ־ספערשוינען שמועסען צווישען זיך זעהר ווארעם. די פרויען נעהמען אויך אנטהייל. חנה'לע פיהלט זיך פרעמד, האט מורא כיט א אבר צו ריהרען. העלענע קוקט אויף איהר זעהר רחמנות'דיג און בעט זי גוט־מוטיג).

העלענע. (דערלאנגט דעם שוואגער קאהן א טאצע קאפע). ער־לויבען זי, שוואגער.

אָנקעל קאַהן. דאנקע בעסטענס. אָז די קינדער איזט עס אימער צו ערקענען די מוטער. (צום שוואגער) עס איז

קײַן וואונדער די קינדער אַזוי ערציהען לאָזען. אַזאַלכע איינע מוטער. נו, נו (צום ווייב מיט אַ געלעכטערל) אַך העטעס דו די מעגליכקייט געהאַט דײַן אידעלקייט אויף דײַנע קינדער איינצופליסען.

העלענע. (שטופט די שוועגערין, האַלב אין סוד) זאָג'ן אַז עס איז נאָך נישט פערפאַלען, זאָל ער גאָר נישט זײַן אַזאַ שווייגערידע (אַ געלעכטער).

אָנקעל קאַהן, (מיט'ן פינגער צו העלענען). פערשעמען זי מיך נישט אַזוי אין דער געגענוואַנרט מיינער פרוי (האַקט אב, ערמאנענדיג זיך) אָבער יאַ, וואָס איך וואָלטע זאָגען איהרער יוסטינע, וואו איז דאָס גוטע פריילען יוסטינע? איך האָבע איהר דאָך אַ געהיימניס צו פערטרויען.

העלענע: וואָס דאָס אַזאָלכעס?

אָנקעל קאהן: איהר נור זעלבסט צו פערטרויען (רעדען צווישען זיך).

באָריס: (צו חנה'לען) פאַר וואָס טרינקט די שוועגערין דעם טהיי נישט?

חנה: (שאקעלט מיט'ן קאפ, שמייכלענדיג).

יוסף: לאָז זי געמאַך, אַ יודענע, זי זעהט אַזעלכע פריצים אין קאַפעלושען, האָט זי דרך-ארץ.

טאַנטע בערטא: (טראגט איהר אונטער א טאץ מיט קאנפעטורען) ערלויבען זי דאָך, גוטע פרוי.

(פויזע)

באריס: (צו יוסף'ן:) נו, וואָס מאַכען דאָרט דײַנע בחורים?

יוסף: זיי לערנען דאָרט תורה מיט דײַן זוהן.

העלענע: (האלב ברוגז'ליך) מײַן זוהן דאַרף נישט זייער תורה, זאָלען זיי זיך ליעבער לערנען בײַ איהם, ווי מענשען צו בעהאַנדלען.

יוסף: זיי וועלען זיך ביי איהם לערנען, ווי מענשען צו בעהאַנדלען, פאַר דעם אָבער וועט ער זיך ביי זיי לערנען ווי זיך אַליין צו בעהאַנדלען (פויזע).

באריס: וואָס, זיי אָבען זיך שוין אַליין פֿערזאָרגט, און יעצט האָבען זיי שוין נאָר נישט מעהר וואָס צו טהון, נור די וועלט צו פֿערזאָרגען?

יוסף: אַז זיי וועלען נישט די וועלט פֿערזאָרגען, ווער דען וועט זי פֿערזאָרגען? מיר אַודאַי נישט. מיר זענען פֿער־טהון מיט דאגות פרנסה, מיר האָבען קיין צייט צו דעם. אַזוי איז עס תמיד. אַז זיי וועלען עלטער ווערען, וועלען זיי אַר־בייטען אויף עולם הזה, און זייערע קינדער אויף עולם הבא. אזוי איז עס, מיר לעבען היינט אין נישט קיין זיכערע צייט. די צייטען צווישען די עלטערן און די קינדער טוישען זיך, ביסט נישט בטוח, ברודער, אויב דיין פראצע, וואס דו האָ־רעוועסט אזוי דערויף טאג און נאכט, וועט נישט איבערגעגע־בען ווערען אין די הענד פון דיינע שונאים...

באריס: (איראניש) אזוי זארגען זיי, הייסט עס, פאר מיר און פאר מיין קינד.

יוסף: טאקי אזוי, טאקי אזוי,

(פֿיים טיש ווערט שטיל. יעדער טהוט זיך דאס זייניגע, שטיל שנייגענדג. דער אנקעל קאהן רוימט זיך אין אוייער מיט העלענען. עס הערט זיך, ווי אנדרזשיי רעט מיט בן־ציונן עפּעס וועגען א נ׳ענין, אין די לינדען־אלעע, געגען איבער די ווארענדע. העלענע רופֿט איינינע מאל אנדרזשיי׳ן קאפֿע טרינקען. ער איז פערטיפט אין שמועס און הערט נישט).

בן־ציון: (דורך דער צייט, ווען אויף די ווארענדע ווערט שטיל, הערט מען זיין שטימע, ווי ער שמועסט מיט אנדרזשיי׳ן).

עס איז קיין וואונדער נישט. זיי זענען תמיד פֿרע־נעוווען פֿון דעם אַלעס. מען האָט אייך פֿערשפּיעלט מיט אַ זאָלכעס, וואָס קעהר אָן אייך נישט און איז נישט אייער. אייערע עלטערן, אַנשטאָט צו בעשאַפֿען עפּעס נייעס פֿון דעם, וואָס איז אייער, האָבען גענומען פֿאַרטיגעס פֿון פֿרעמדע און אייך דער־מיט אָנגעמאָכטען. און איהר האָט זיך נעפֿרעהט אויף פֿרעמ־דע התונות און מיטגעטרויערט אויף פֿרעמדע אבלות. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיי דאָרט האָבען געקוקט אויף אייך ווי אויף אַ פֿרעמדען. איהר האָט אין דעם קאָהן נאָרניש...

אריינגעשטעלט, ווען איהר וואָלט געוואָלט, האָט איהר זיך געקענט אויפהויבען און אַוועקגעהען, און אַזוי לעבען קען מען מעהר נישט ······

א נ ד ר ז ש ע י: איך האָב דאָס פרעמדע לעבען געוואָלט, פאַר מיינס האָב איך עס געוואָלט מאַכען. אַ מענש מוז דאָך צו וועמען געהערען, מוז דאָך עפעס האָבען. און איך האָב געזוכט, ביי אַלע געטער געזוכט, איך האָב געוואָלט ליעבען, זיין צוגעבונדען צו דעם, ווייל עס איז מיין.

בן-ציון: דאָס פרעמדע איז אויף אייך געפלאַצט, צוריסען זיך אין רוקען און פון אלע זייטען אבגעפאלען. אייער טאטע, א יוד א סוחר, האט נישט קיין צייט צו בעקלעהרען וועלכע איז מיין און וועלכע איז דיין. דאס ערשטע און בעסטען און עס טויג צום געשעפט, נעמט מען אריין אין שותפות . . .
ביז אהער האט מען געקענט מיטמאננצען מיט דער התונה! יעצט, ברודער איז געקומען א צייט, מען מוז וויסען צו וועמען מען געהערט.

א נ ד ר ז ש ע י: און איהר ווייסט שון צו וואָס איהר געהערט?

בן-ציון: איך געהער צו מיר אליין. איך דארף קיינעם איבערצייגען, אז איך קען אויך פיהלען, ליבען, און נישט בליז, ווייל איך האב אין דעם אנ׳אנדערן מיין, נאר ווייל דאס בין איך. איך ווייס ווער מיין טאַטע איז, און מיט דעם אויסגעשטאטענעם געדאנק און טהאט ווער איך בין. וועל איך דאס איבערגעבען מיין קינד, אז ער זאל ניט זיין א אונרעטזאמער חלום פאר אנדערע, נור א ליכט פאר זיך אליין

א נ ד ר ז ש ע י: (נאך א לאנגען נאכדענקען) איך פערשטעה אייך נישט, יונגער מענש. האָרכט אויס: נעכטען האָב איך אייך נישט געקענט, היינט זעה איך אייך און ווער מיט אייך, מאָרגען וועלען מיר זיך ווייטער צוגעהען אין דער וועלט אריין, און אַזוי ווי מיר זענען ביז נעכטען געווען איינער פאַר דעם אַנדערן געשטאָרבען, אַזוי וועלען מיר עס פון מאָרגען אָן ווייטער זיין. מיר לעבען איין מינוט אונטער איין שט[illegible] וואָלקען, וואָס זיינע טראָפען נעצען אונז דורך ביינאַנדער . . .

מיר זענען אייניקלעך פֿון איין זיידע, וואס פֿאַר'ט אונז מאר=
נען אָב שטאַרבען אין אַ פרעמד לאַנד... צו האָט איהר עפעס
אַזעלכעס, וואָס זאָל אונז, אָט די אייניקלאַך פון דעם נעש=
טאָרבענעם זיידען, צוזאַמען בעהעפטען. וואָס? זאָגט?

משה: (געהט צו צו זיי' און הערט זיך איין, וואס זיי רעדען, אויף די
וועראנדע ווערט שטיל).

העלענע: (פון די וועראנדע די אנדרושיין:) ערלויב דאָך
צו אונז אַהער. פֿילייכט אַ טאַצע קאַפֿע?

אנדרזשעי: (מאכט מיט די הענד).

העלענע: (דעם קאפ אוועקדרעהענדיג:) עס לוינט זיך טאַקי
מיט די יונגען דאָס האַרץ אויסצורייסען.

באָריס: זיי ווילען דאָך איהם דורכאויס ווייזען, וואָס
זיי קענען.

יוסף: שווייג, שווייג, לאָז מען ליעבער אויסהערען,
וואָס דער בחור איז מתודה. (אויף די וועראנדע ווערט שטיל).

אנדרזשעי: קענט איהר מיר געבען אַ ציעל אין
מיין לעבען? האָרכט אויס: צווישען אַנדערע האָב איך גע=
לעבט, איך האָב געזעהען, ווי מענשען זענען זיך מוסר נפש
פֿאַר דעם, וואָס איז זייער. מענשען האָבען אַ שרש אין דער
ערד, וועלכע האָט זיי אַרויסגעגעבען. איך האָב דאָס אַלץ
מיטגעמאַכט מיט אַנדערע. געוויינט אויס טרויער, גערעש'ט
אויס שמחה. און מיינט נישט, דאָס איז געמאַכט געווען. ניין,
איך האָב עס געוואָלט ליעבען. נור איך האָב אין דעם קיין
אמונה נישט געהאַט. נישט דערפֿאַר, ווייל איך בין שוין
צו אַלט אָדער נאָך צו יונג אמונה צו האָבען. ניין, מיין
האַרץ איז פֿול מיט ליעבע, איז פֿול מיט לעבען, און זעהענ=
דיג, ווי אַנדערע גלויבען, ווי אַנדערע ליעבען דאָס, וואָס
איז זייערס, האָב איך מיין קאָפּ צווישען די קניהען איינגענאָ=
רעט, און אַליין מיין נשמה אויס קנאָה געגעסען... און אַליין
מיר אין פנים געשפיענען: אומגליקליכער! וועה איז צו דעם
זוהן, וואָס זיין טאַטע האָט איהם קיין ירושה נישט איבער=
געלאָזט. האָרכט אויס, מיין האַרץ איז פֿול מיט אמונה. איך

בין אַ כוהן, וואָס זוכט אַ בית-המקדש. גיט מיר מײַן נאָט, וועל איך אײַך וועלטען מויערען, וועלטען אײַנלייגען.

בן-ציון: און איך וועל אײַך געבען. דאָס איז אײַער פֿאָלק, אײַער לאַנד. די וויסטע מאַמע ציון, וואָס איז צוויי טויזענד יאָהר אַליין געווען, שטרעקט אויס איהרע הענד נאָך אַזעלכע פֿערשטויסענע קינדער.

אנדרזשיי: ווי זעהט דאָרט אויס אײַער מאַמע ציון? צו ציהען זיך אַזעלכע גרינע פֿעלדער, ווי דאָ בײַ אונז? צו בעגילדעט דאָרט די זון די זאַמדינע ברעגען פֿון דעם טײַך? ווי הייסט ער דאָרט?

בן-ציון: ירדן.

אנדרזשעי: ווי די ווײַכסעל? צו ציהט זיך דאָרט אויס ווײַט דער האָריזאָנט און פֿערנעבעלט די טאָפּאָלען-בוימער, ווי דאָ בײַ אונז? ווי זעהט דאָרט אויס די מאַמע ציון?

משה: (דערנעהערט זיך) שווײַגט, שווײַגט, מען פֿער-צעהלט דאָס קינד פֿון דער מאַמע, וואָס האָט איהם געהאַט.

חיים: (קומט אן פון דער צווייטער זייט). און וואָס האָט איהם אָנגעוואָרען פֿאַר׳ן יאָהר.

משה: און פֿון דער אַנדערע, וואָס האָט איהם געהאָל-פֿען אויסטראָגען.

בן-ציון: איך האָב נאָך ציון נישט געזעהן, דאָך אין מײַן האַרץ פֿיהל איך עס..., די פֿעלדער, וואָס האָבען געהערט דוד׳ס געזאַנגע...

משה: (איבערשרייסענדיג) דער ציוניסטען-קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם אוגאַנדאַ-פּראָיעקט.

בן-ציון: אויף אַ נאַכט-לאַגער נור, (מיט דעם פּארי-גען טאהן). די פֿעלדער, וואו אונזערע היילינע אבות...

חיים: (נאכמאכענדיג דעם זעלבען טאהן) די ווילדע אַפֿריקאַנער, וואָס האָבען געגעסען גרינע טאַטערקע פֿון די בוימער אַראָב...

בן-ציון: מענשען, וואָס האָבען גאָר-נישט, קענען פֿון אַלץ לאַכען (צו אנדרזשיי׳ן): מיר וועלען גלויבען אין ציון און מיר מוזען גלויבען אין ציון. צוזאמענקניפּען די-

שניר פֿון היינט און די, וועלכע איז געוואָרען אָבגעריסען פֿאַר צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

אנדרזשעי: און מיט די צוויי טויזענד יאָהר וואָס וועט זיין?

בן־ציון: די צוויי טויזענד יאָהר זענען געווען לעבען פֿון גלות. מען מוז זיי זיך אויסרייסען און אַוועקוואַרפֿען, אויסרייסען מיט געוואַלד און אָנהויבען לעבען אַ נייעם לעבען.

משה: דאָס קענען נור זאָגען אַזעלכע, וואָס לעבען אין דער היסטאָריע פֿון דער פֿערגאַנגענהייט אָדער אין דער פאַנטאַזיע פון דער צוקונפט. מיר, מענשען פֿון היינט, מוזען מיר קענען יעדעס קיטעל, וואָס קיטעלט בייזאַמען אונזער נעכטען און מאָרגען. יעדער דור פֿערלאַנגט דאָס זיינינע. קיין יאָהר, קיין טאָג, קיין שעה ווערט נישט פֿערפֿאַלען אין לעבען, מיר, יודען פון היינט, זענען נישט די יודען פון פאַר צוויי טויזענד יאָהר צוריק, מיר פערשטעהען זיי נישט און קענען זיי נישט. מיר זענען אויך נישט די יודען פון טויזענד יאָהר שפעטער, מיר זענען מענשען פון היינט, וועלכער איז געוועבט פון נעכטען און מאָרגען. איך ווייס נישט, ברודער, אַז מאָרגען זאָל משיח קומען, צו וועט זיך נישט געפינען אַ שניידער׳ל אין אַ קליין שטעדטיל, וואָס וועט זאָגען: אהבתי את אשתי, און וויל נישט פערלאָזען דאָס בלומעל, וואָס שטעהט פֿאַר זיין פענסטער. וואָרום זעהסט דו, די טראַגעדיע פון גלות איז דאָס, וואָס דאָס גלות ווערט די מאַמע פון דעם פערטריבענעם . . .

חיים: די טראַגעדיע פֿון גלות איז דאָס, וואָס דאָס פאָלק, וואָס האָט פֿערלוירען זיין זעלבסטשטענדיגקייט, הערט אויף צו זיין אינטער-נאַציאָנאַל. עס קוקט אויף אַלעם פון דעם ענגען שטאַנדפונקט פון זיינע פריוואַטע נאַציאָנאַלע ליידען. קומט, ברידער, לערנט די מאסע. איהר וועט זעהן, וואָס די מאַסע דאַרף. ליכט און ברויט. (קלאפט אנדרזשעין אויפ׳ן פלייצע) מיט מיר רעד, ברודער, אָט וואָס מיר דאַרפען. יודען זענען אַ פראָלעטאַריאַט־פֿאָלק. אונזערע ברידער ווערען אויסגעניאָגט פון די העכט דאָרט. (ווייזט מיט׳ן פינגער אויף די ווערענדע)

קוק אָן די שררים, דו זאָלסט מיר לעבען, זיטצען זיך בײם טיש. מאָרגען וועט איהר שוין נישט עסען קיין מיטאָג, איך זאָל שוין אַזוי לעבען.

יוסף: (פון דער וועראנדע:) פון וואַנען קומסט דו דאָס, מיין זוהן?

חיים: פון דער מאסע און דער מאסע.

יוסף: וואס האָסט דו דאָס אַזאָלכעס אָבגעטהון?

חיים: כ׳האָב אָנגעגרייט פאַר איך אַ׳אָנבייסען אויף מאָרגען, וועט איהר פערגעסען אן מיטאָג צו שפּייזען, ווי דער אָנקעל זאָגט.

יוסף: וואָס דאָס אַזאָלכעס?

חיים: כ׳האָב צוזאַמענגערופען דעם בעקער־פּראָלעטאַריאַט און מען שטרייקט, טאַטע־ברודער! (צום פּעטער באריס). דער פּעטער וועט מאָרגען צום בעקער־הויז געהען און צום אויווען זיך שטעלען. און די מומע (צו העלענען:) וועט די מיורע מאַכען, כ׳לעבען. (צום אָנקעל קאהן:) און דער אָנקעל וועט אַזוי גוט זיין די שינדעל זיך אָנטהון און וואַסער ברענגען.

יוסף: וואָס זאָגט איהר נישט צו איהם!

באָריס: (אויפהעבענדיג זיך פון טיש). נעה, קלייב נחת פון דיין בחור. (געהט ארונטער פון דער וועראנדע מיט טאַנטע בערטהא, נאך איהם אנקעל קאהן מיט העלענען, נאך זיי דער איבריגער עולם).

חיים: (געהט אויף די ווערענדע און קוקט נאך די אבגעהענדע געסט:). הי־הי־הי, וואָס זאָלען מיר מאַכען? איין צוועק איז פאַר דער יודישער מאסע – ליבט און ברויט! (קלאפּט זיך אויפ׳ן הארץ). הייַנט זענען מיר שררים (זעטצט זיך ביים טיש אין א ברייטע פאָזע.) וואו זענט איהר, אָנגעפּרעסענע בייכער? דאָס שענע פיינע גלאָז טהע, ביטע נישט אזוי לאַנגווייליג, איילט אייך אַ ביסעל צו.

בן־ציון: (צו אנדרושעי:) ערלויבט נור (געהען אב בעזאמען שמועסענ׳דיג, אין הינטער־גרונד, צווישען די געריכטע בוימער, הינטער דער וועראנדע).

יוסף: (געהט צו צו משה׳ן:) נו, נו, ווי נעהט עס מיט יודישקייט?

משה: מען ציִעהט עס, טאַטע, אויף דער קאַפּיִטע אַ האַרט שטיִקעל לעדער, עס גליִטשט זיִך ניִשט אַזוי לייַכט.. (ריידען שפאציערענדיג).

אָנקעל קאַהן: (מיט העלענען דרעהען זיך איבער די לינדען=אלעע, שמועסען זעהר פעראינטערעסירט). האַבּע פּער־נאָמען, זעהר אויפריִכטיִג, ביִן אויך דיִ זעלבע מייַנוּנג, גאַנץ דיִ זעלבע מייַנוּנג. קיִנדער דאַרפען זייַן דאָס גליִק דער עלטערן, עלטערן דאָס גליִק דער קיִנדער. יאַ, יאַ.

העלענע: (רייסט איבער). שוואָגער, זייַ ווייַסען עס פיעל בעסער פוּן מיִר. זיִ זיִנד דאָך אַ וועלט'ס־מענש, וועלכער האָט פיעל געזעהען, פיִעל געהערט, אוּן וועלכעס, וועלכע (פערענדערט דעם טאָן, און חויבט אן צו ריידען פראסט יודיש). מילא פאַרן שוואָגער דאַרף מען זיִך דאָך ניִשט פערשטעלען, מיִר זעגען דאָך הייַמיִשע מענשען. איידער מען דערלעבט דאָס אויפצוּציִהען? וויִפיִעל מאָל ווערט דיִ מאַמעס מיִלך געררוּנען... (עס ווייזן זיך איהר אין די אויגען טרעהרען). און אז נאָט העלפט שוין יאַ, אַז עס קומט דיִ צייַט אַ שטיִקעל נחת צוּ דער־לעבען, קען דאָס קייַן טאַטע, קייַן מאמע ניִשט. יעדער האָט זיך זייַנע מאָדעס, פערדרעהט זיִך זייַן קאָפּ, גאָט ווייַסט מיִט וואָס? מען האָט דאָס לערנען געלאָזט, דיִ הייַנטיִגע וועלט פערלאַנגט דאָס, צוּ אַ שדוך, צוויִשען מענשען איִז דאָס גאָר.; אַך! שוואָגער, אַ מויד פוּן צוויי אוּן צוואַנציִג יאָהר אוּן קלעהרט נאָך נאָר ניִשט פּוּן קייַן תּכליִת.

אָנקעל קאַהן: עס וויִרד יאַ דוּרכגעהען, קיִנדהייַט, דאָס געהט יאַ דוּרך מיִט דיִ יוּגענד, דעסוועגען האַטע איִך איִהנען ראַטהען, דאָס פּרייַלייַן זאָל דאָך צוּ אוּנז צוּ גאַסט קוּמען, זיִ וויִרד דאָרט דעם יוּנגען מענשען קענען לערנען, פערווייַלען זיִך, איִנס טהעאַטער געהען, איִזט זעהר ליִעבער, וויִרדיִגער יוּנגע.

העלענע: הייַנטיִגע צייַטען, זאָל עס דעם שוואָגער ניִשט פערדריִסען, יוּנגע מענשען, מען מוּז גוּט פאָרזיִכטיִג זייַ, איִך ווייַס, דאָס איִז דאך מייַן איינציִג קיִנד...

אנקעל קאַהן: מוּזע שוין פּערזיִכערן־טיכטיגער

יונגער מאַן. מײַן קאָזין זעלבסט אויס שטוטגאַרט, מיטגעמאַכט די ראַיאַל־שולע · פֿײַן, פֿאָרנעמליך און געזעלשאַפֿט, האַטע גוטע פּאָסטען, פּאָסט־בעאַמטער, ביז צוויי טויזענד מאַרק יעהרליכער גאַזשע, בעטעט מיט מיר אין איין טעמפּעל. גוטער זוהן זײַנער עלטערן . . .

העלענע: איך פערלאָז מיך אין גאַנצען אויפ׳ן שוואָגער, צוערשט גאָט, דער נאָך ער. וואָס קענען מיר זאָגען, אַז עס איז אַ זווג פון הימעל, וועט עס ממילא ווערען אויסגעפיהרט. זאָל דער שוואָגער נישט פערגעסען: יוסטינע איז בײַ אונז די אײַנציגע טאָכטער. מילאָ וויפיעל עס האָט אָבגעקאָסט איהר בילדונג, איהר ביכער לעזען, איהר פּאָרטעפּיאַן שפּיעלען פון דעם רעדט מען שוין נישט. מיר וועלען זי דאָך פון אונז נישט אַרויסלאָזען מיט לעדיגע הענד.

אָנקעל קאַהן: זעלבסטפערשטענדליך, זעלבסטפער־שטענדליך. יעדענפאַלס, יאַ וויפיעל זינד זי אין דער מיינונג איהרער טאָכטער מיטגאַבע צו געבען? אים דעם יונגעם וועגען איז עס יאַ אײַנערלײַ, ער ווירד יאַ נישט הייראַטהען דעם מיטגאַבעס וועגען, נור זײַנע עלטערן... יעדער פאָטער זאָרגט דאָך אום דאָס גליק זײַנעס קינדעס.

העלענע: מילא וואָס דער פאָטער וועט געבען אודאי נישט ווענינער, ווי זיעבען, אַכט טויזענד רובעל, און דעם וועל איך שוין זײַן, דאָס איבריגע צו צעהן וועל איך מיר שוין מוזען אַ נ׳עצה געבען, פאַר דעם איז מען דאָך אַ מאַמע. אין גוטע צײַטען נעמט מען אַראָב און מען בעהאַלט פֿאַר דאָס קינד׳ס וועגען . . .

אָנקעל קאַהן: (מיט אַ געלעכטערל). די „קניפלעך?"

העלענע: רופט עס, ווי איהר ווילט, אב, עס איז דאָ. און מיט אַ נ׳אויסשטעהער וועט זי זיך אויך נישט דאַרפען צו שעמען אַפילו אין בערלין. גלויבט מיר.

אָנקעל קאַהן: רעכט שען, רעכט שען. וויר זינד דאָך שוין איינס, יאַ, מחותנים, וואָס, ניין? זאָלטע אָבער די יוסטינע נישט דערגעגען האבען, דאָס דער ברוטיגאַם דויטש איז? זי איז דאָך יאַ זאָלכע אײַנע פּולין. בײַ אונז צו פויזען

מוזט מאַן יאַ גוטער דױטש זײַן, װען מאַן אװאַנצירען װיל. פאָסט־בעאַמטער איז יאַ רעגירונגכאַנגעשטעלטער.

ה ע ל ע נ ע: מילא פאַר פרנסה װעגען, איבער דעם דאַכט װעט קײַן מניעה נישט זײַן, מיר זענען דאָך אַלע יודען. װאָס איז דער חילוק?

אָ נ ק ע ל ק אַ ה ן: יאַ, מיר זענען דאָך אַלע יודען.

ה ע ל ע נ ע: כל זמן, װען עס שאַדט איהר נישט, זאָל זי זיך זײַן, װאָס זי װיל, בײַ אונז דאָ איז עס אַזאַ מאָדע צו זײַן "פאָלקע", מיר אין איהרע יאָהרען זענען אויך אַזעלכע געװען. (עס װײזען זיך באַרים מיט טאַנטע בערטא, קומען אן שפּאַצירענדיג פון יענער זײט אלעע). אָט װען די שװעגערין איז אין דער הײם געװען, איז זי אויך אַזוי געװען... באָרים! באָרים! (זײ קומען זיך צוזאמ‍ען רעדען צװישען זיך, שפּאַצירענדיג אינאײנעם איבער די אלעע).

אָ נ ק ע ל ק אַ ה ן: מיט גאָטעס הילף.

ב אָ ר י ס: קומט, לאָזען מיר גענוי דעריבער שפּרעכען.

ה ע ל ע נ ע: לאָזען מיר געהען אין װאַלד אַרײַן. דאָרט טיעפער. (געהען אב און װערען פערלױרען און די געדיכטע בױמער הינ־טער די װעראַנדע, װאו עס זענען שוין צוערשט בן-ציון, אנדרושעי, יוסף, הנה׳לע און משה אָבגעגאַנגען. דער גאָרטען איז לעהר חיים זיצט אויף דער װעראנדע און איז פערטיעפט אין לעזען אין אַ ק׳יין ביכעל: פון די בעהאַלטענע גראָז-באַנק דערהױבט זיך די אלטע רהל-לאה, װאָס איז דורך די גאַנצע צײט געװען בעהאַלטען אין זיך און דרעהט זיך אײנע אלײן איבער די אלעע, רױסענדיג בלי־מעל לעך).

ר ח ל ל א ה: (פאַר זיך רײסענדיג די בלימעלאך) זײ געהען די אַלטע אויפ׳ן בית־הקברות געזעגענען זיך מיט די טױטע בײם לעבען, דעם טאַטען מיט דער מאַמען אין קבר איבער געלאָזט, אין אַ פרעמדער מדינה פאָהרען זײ שטאַרבען, װאו משיח װאָהנט... זײ געהען די אַלטע אויפ׳ן בית-הקברות צו בעטען בײַ די טױטע פאַר די לעבעדיגע...

י ו ס ט י נ ע: (פאַלט אַרײַן אין גאַרטען דורך די פאָרטקע, די האָר צוכלאַכ‍עט. זי האַלט אַ גרױסען שטעקען אין דער

האנד, רעדט ווי צו זיך). איך בין אויבען געווען אויף די בערג. איך האָב וויַיט און ברייט אין דער וועלט געקוקט. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר, ווי אויף די האַנד געווען אויסגעשפרייט, און אַלעס האָט גערעדט צו מיר. מיַין נשמה האָט זיך ווי דער פויגעל געבאָדען אין פריַיען לופט. איך האָב ברייט און וויַיט די אָרים פערשפרייט, עס האָבען מיך אַרום-נערינגעלט טיַיכען זאַנגען, קעפּ איבער קעפּ. פאַרטיג און גרייט איז שוין אַלעס דאָרט אויבען. די קעפּ האָבען זיי געניַיגט צו דער זון, און זיי האָבען זיך געבאָדען אין גאָלדענעם גלאַנץ פון דער זון. ארעגען פון גאָלד האָט עס אַלעס אַרום בעגאָסען מיט ליכט, און די וועלט לאַכט פון עשירות (דער־זעהט רחל-לאה'ן). זאָגט, באָבע, לאַנג איז שוין, ווי איהר באָדט זיך דאָ אין דער דורך-געוויַיקטער אטמאספערע פון די פּוילישע קעניגען?

רחל-לאה: וואָס דו פרעגסט מיך, מיין קינד, פער-שטעה איך נישט. צו איך בין אַ היגע? דאָ האָט מיך מיין מאַמע ערצויגען. פערצעהן גילדען האָב איך שוין אין דער חברה-קדישה בעצאָהלט אויף אַ קבורה אויף נאָך הונדערט און צוואנציג יאָהר.

יוסטינע. (ווייזט אויף די בערג) ביסט דו שוין דאָרט אויבען געווען?

רחל-לאה: אין די יונגע יאָהרען שבת נאָכ'ן עסען, ניס שפיעלען.

יוסטינע: (ווי צו זיך). איך בין אויבען געווען. נאָהענט בין איך געשטאַנען די וואָלקען. דער הימעל האָט זיך געבראָכען איבער מיין קאָפּ. די וואָלקען, ווי געפליגעלטע שעפּסען, האָבען געבאָדען זייער וואָל אין דורכזיכטיגען וואַלען-טענער. איך בין געווען אין אסתרקע'ס שלאָס, צו מיר האָבען גערעדט די שטיינער, די מויערען, אין מיר האָבען זיי בעגריסט זייער שוועסטער. פאַר מיר, צו מיינע פיס, איז געלעגען אויסגעצויגען די גאַנצע אָרימע פוילישע ערד. איך האָב געזעהען די אָרימע האַטקעס מיט זייערע פערפוילטע שינדעל-דעכער, פערטרונקען אין די הויכע טאָפּאָלען-בוימער.

זי ווי נאָהענט איז מיר דאָס אַלץ געווען! איך האָב מיינע אַרעם ברייט אויסגעצויגען: קומט קומט צו מיין ברוסט... אַרום דעם שלאָס גיסט זיך די אָרימע ווייבסעל-סטענגע, ווי די שענע יודישע שניידערין פון אָפּאָלע האַלזט אַרום איהר "פּאַן" זון מאַן, דעם קעניג. איהרע וואַסער צאַפּעלן צווישען די ליכטיגע בענאלדעטע ברויט-בייטען, באָדענדיג זיך אין די העל גליהע־דע זון, צובראָכען דעם קאַרג אויף טויזענדער שיפּען (פּויזע. אימפּראַוויזירט). אויפ'ן "דזשעדזשינעץ" שטעהט די קעניגין, די "קאַבאַנקע", די יודין. זי קוקט אויס איהר "פּאַן" איהר מאַן, ער קומט צוריק פון פעלד אין איהר געצעלט אַריין, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר איהם... איהרע שוואַרצע לאָקען האָט זי איבער איהר ווייס קלייד צולאָזט און דער געשמאַק פון די האָר ברעכט אין דער לופט אויף... שוואַרצע אויגען שיטען פייער... אין איהר האַנד האָט זי בלומען, בלומען, וואָס איהר עלטער-באָבע לאה האָט פאַר זיי געקויפט איהר מאַן אויפ'ס נאַכט ביי איהר שוועסטער רחל... אויפן "דזשעדזשינעץ" שטעהט די קעניגין, די יודין די שניידערין, צו איה־ע פיס די פּוילישע אָ־ימע ווייבסעל-בערג, דאָרט וויַיט פערנעפּעלט זיך דאָס לאַנד אין די האַלב-געדיכטע טוי־וואָלקען, וואָס די נאַכט און דער טאָג וועבט פאַר איהם... דאָרט ווייט בלאָנדזשען די טאָפּאָלען, די אָרימע ערד-קינדער, איבערן וועג אַרום, משוגע און ווילד מיט אָבגעפּליקטע קעפּ... דאָרט ווייט בלאָנדזשען די ווערבען און רייסען די צעפּ פון די קעפּ, און וויינען פאַר זיך און פאַר די גאַנצע וועלט...

רחל-לאה: דו רעדסט, מיין ק.-ד., פון היץ. וואו ביסט דו געווען?

יוסטינע: איך בין געווען אין דעם לאַנד פון דער נשמה... אין די בערג בין איך געווען, וואו מיך האט געקושט יעדעס ווינדעל, געבלעטערט מיר די האָר און געגלעט מיין נאַקעטען האַלז און געשעפּטשעט מיר אין אויער פון אַנדערע צייט־ן. איז די קעניגינס אסתר'קעס שלאָס בין איך געווען,

וואו מיר האָבען אַרומגערינגעלט די אַלטע מויערן, די שטיינערנע עדות, וואָס האָבען געזעהן, ווי דער קעניג האָט געהאַלזט די שענע יודין, וואָס האָבען געהערט די תאווה'דיגע קושען, וואָס די יודישע שניידערין האָט געקושט איהר קאָראנעק, איהר מאַן, דעם קעניג... און מיר איז געווען, ווי איך וואָלט אין אַנדערע צייטען געלעבט, דענסמאָל, ווען דער שלאַכטשעץ איז געווען אַנ'אַנדערער, ווען דער יוד איז געווען אַ'נאַנדערער און מיר איז ג'עווען, ווי דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אָבגעטהון אין דעם פאלאַטץ, איז צוריק לעבעדיג אויפגעשטאַנען פאַר מיינע אויגען. מיינע אויערן האָבען נאָך פערנומען דאָס געזאַנג פון די האַרפען, דאָס אָבקלינגען פון איהרע יודישע שעזאַנגען, וואָס זענען פערגליווערט געוואָרען אין די שפּאלטען פון פאַלאַטץ נאָך פון דענסמאָל, ווען זי, די יודישע שניידערין פון אָפּאָלע, האָט געזונגען פאַר איהר קעניג און קאָכאַנעק וואָס איז געווען פערוויגט אין איהר שויס, אויף איהרע שוואַרצע, צופלאָשעטע האָר, פון ליעבע און פערגניגען.

רחל-לאה: רעד נישט אזוי, מיין קינד (נעהמט זי איין און זעצט זיך מיט איהר אויף א גראָז-באַנק). געה נישט מעהר אין די בערג. זיהאָט פערכשופט דעם פאַלאַטץ, מיט אויגען, מיט איהרע צוויי שוואַרצע אויגען, וואָס דער קעניג האָט געבעטען צו זיי (נאַאיוו). יעדע נאַכט קומט זי דאָך דאָרט אַהין בלינדערהייט און זוכט זיך די אויגען.

יוסטינע: (דערשראָקען) פון וועמען ערצעהלסט דו דאָס, באָבעשי?

רחל-לאה: פון די קעניגין אסתרקע, וואָס האָט פער־כשופ'ט דעם קעניג מיט איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען. וואו דער קעניג איז געגאַנגען, זענען די אויגען איהם נאָכ־געגאַנגען. נאָך איהר טויט האָט דער קעניג איהר די אויגע ארויסגענומען, און אין צוויי גאָלדענע רינגען איינגעפאַסט

יוסטינע: וואָס האָט דער קעניג מיט די אויגען געטהון?

רחל-לאה: ער האָט זיך אַ שוואַרצען זאַל געהייסען אויפמויערן, דעם זאַל מיט שוואַרצעס טוך געהייסען ארומכלאַפּען

די רינגען האָט ער אויף אַנ׳עמוד אנידערגעלייגט, יעדער נאַכט, פונקט האַלבער נאַכט, קומט ער צוגעהען, קניעט פאַר זיי און בעט צו זיי...

יוסטינע: איהר, קירכען-גלאָקען, הערט אויף צו קלינגען. איהר, מענשען, ווערט פערשוויגען, וועלט, האַלט דעם אָטעם איין! דער קעניג בעט אין איינזאַמקייט, אין איינזאַמקייט...

רחל-לאה: זי קען דאָך צום בית-דין של מעלה נישט קומען מיט אַרויסגענומענע אויגען. דער מלאך טרייבט זיי וואו האָסט דו די אויגען? וואו האָסט דו די אויגען? קומט זי צוגעהן יעדע נאַכט צום פּאַלאַץ מיט׳ן שטעקען אין דער האַנד, זוכט זי זיך בלינדערהייט איהרע אַרויסגענומענע אויגען, צווישען די שטיינער, צווישען די גראָזען.

יוסטינע: דו האָסט זי שוין געזעהען?

רחל-לאה: נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל, ווערסט זי זעהען היינט אויף דער נאַכט, ווען מיר ווען דעם זיידען בעגלייטען געהן. איהרע שוואַרצע האָהר האָט זי צופּלאָשעט איבער די ווייסע תכריכים. אויף׳ן קאָפּ האָט זי ברענען אַ אויסגעהענדיגע קרוין, און מיט פערשלאָסענע אויגען דרעפּשעט זי צווישען די שטיינער, צווישען די מויערען, און זי זוכט מיט דעם שטעקען צווישען דעם קאַלך און דעם ליים: האָט איהר מיינע אויגען געזעהען? האָט איהר מיינע אויגען געזעהען?

יוסטינע: (בעהאַלט זיך דאס פנים אין די הענד): שוויַיג, באָבעשי, שוויַיג, באָבע לעבען!

(א לאנגע פּויזע).

(עס קומען אן העלענע, אנקעל קאַהן, בארים און טאנטע בערטא שמועסענדיג צווישען זיך).

העלענע: (בעמערקענדיג יוסטינען, געהט צו צו איהר). יוסטינע וואו ביסט דו געווען, מיין קינד?

יוסטינע: (האלט פערשטעלט דאס פנים אין די הענד און ענטפערט נישט).

אנקעל קאהן: (דערנעהרט זיך:) ווילקאָמען, שענעס פּרייליין, האָב׳ זי גאַנצען טאָג נישט געזעהען, וואו פינדען זי זיך?

העלענע: (ווינקט צו רחל-לאה׳ן). זייט נור מוחל, באָבעשי

זייַ האָבען עפּעס צווישען זיך צו רעדען. (געהט אַב מיט רחל־לאה'ן, איבערלאזענדיג יוסטינען מיט'ן אנקעל אליין).

אנקעל קאהן: זי ענטפערן מיר נישט, זאָל איך זייַ פילייכט פערלאָזען?

יוסטינע: דאַנקע, אָנקעל.

אנקעל קאהן: זאָלטען זי נאָך אייַנסט די רייַזע צום אָנקעל נאָך פויזען מאַכען. העטען וויר בערלין בעזוכען, צו בערלין איז עס גאַנץ, גאַנץ גרויסאַרטיג.

יוסטינע: וואָס זאָל איך דען אין בערלין מאַכען?

אנקעל קאהן: צו בערלין איז עס אַזוי שעהן, הערליך, וויר בעזוכען דאָס טהעאַטער, געזעלשאַפט, בעקענען יונגע לויטע מיט זאָלכעס אייַנעס היבשעס פריילייַן, ווי ניכטע איז, פילייַכט מאַכטע יעמאַנד איהנען דען האָף?

יוסטינע: וואָס פאַר אַ געשעפטען קען איך האָבען מיט דייַטשען? זייַ זענען דאָך מייַנע טיעפסטע שונאים!

אנקעל קאהן: אָבער וויר, יודען אַלער וועלט, זינד איין פאָלק. דער פוילישע יודע, ווי אויך דער דייַטשע יודע גלויבען אין איין גאָט, האָבען איין שבת.

יוסטינע: מיר קענ׳ען גלויבען אין איין גאָט, אָבער נישט גלויבען, מיר זענען צוויי פערשיעדענ-אַרטיגע מענשען. נישט איך פערשטעה דעם פעטער און נישט דער פעטער פערשטעהט מיך. מייַנע לייַדען זענען אייַערע שמחות, מייַנע שמחות זענען אייַערע לייַדען. אין מיר לעבט די פוילישע ערד, דער פוילישער גייַסט, און אין אייַך לעבט דער גייַסט פון מייַן שונא. אַ אונאויפהערליכע מלחמה פון דור צו דור טייַלט דורך צווישען אונז.

אָנקעל קאַהן: (מיט אַ געלעכטער). ווי דאָך, ווערדען וויר פילייַכט שטרייַטען בייַנאַנדער, איך אין איין אַנדערעס העער, דו אין אַנ׳אַנדערעס העער?

יוסטינע: עס קען אַמאָל די צייַט קומען אויך.

אנקעל קאהן: (לאַכט). דאָך ווי אַזוי? וועסט דו, די טאָכטער מייַנער׳ס ברודער, מיט דייַנעם אָנקעל שטרייַטען, נור אין דיזען ווילען, דאָס איך דויטשע בין, און דו פוילע זייַסט?

וויר זין דאָך אָבער יודען? וויר קעהרען דאָך צו איינער פֿאַמיליע אַן?

יוסטינע: אין דער הינזיכט זאָל דער זוהן מיט זיין פֿאָטער מ ה האַלטען. און די טאָכטער מיט איהר מוטער.

אנקעל קאהן: (אבגעהענדיג:) דאָס איז אָבער יאַ ניט צום פֿערשטעהן! וויר זינדען דאָך אָבער יודען? גלויבען אין איין גאָט? (אבגעהענדיג צו העלענען מיט באריס׳ן, וועלכע שמועסען בייזאמען מיט טאנטע בערטא). וויר זינד דאָך אָבער יודען! (צו טאנטע בערטא געגאַכט). זאָגע דו, פוילע, וויר שטרייטען? נעם דעם זעבעל אינ׳ם האַנד, דו ביסט מיינע פֿרוי נישט, איך בין „דויטשע"—דו ביסט „פוילע"! חַ, חַ, חַ...

באריס: וואָס טהוט זיך דאָס אַזוינס אין מיין הויז?

(פֿון הינטער די בוימער קומען ארויס אנדרזשעי און בן־ציון, נאָך זיי יוסף און משה)׳

אנדרזשעי: (צום פֿאטער:) דו, וואָס דו האָסט מיר לעבען געגעבען, פאַר וואָס האָסט דו מיר נישט געגעבען דאָס אינהאַלט אין לעבען? זאָג! ווי אַ לעהרע זאַנג, שטעה איך איינער אַליין אין פֿעלד, אין קיין שייער וועט זי ניט ווערען אויפֿגענומען!

באריס: און אויף דעם האָב איך געהאָרעוועט מיין גאַנצעס לעבען? די וועלט איינגענומען, אייך בילדען צו לאָזען, מענשען פֿון אייך צו מאַכען? גליקליך אייך מאַכען? וואו איז אייער גליק? אייער גליק וואו איז? וואָס איז דאָס אַזוינס ביי אייך געוואָרען, וואָס לאָזט אייך נישט לעבען? וואָס איז דאָס ביי אייך אַזאַלכעס געוואָרען, וואָס לאָזט אייך נישט רוהען? וואָס זוכט איהר? וואָס ווילט איהר?

יוסף: אַזוי, ברודער, ביי אייך אין די הויכע פֿענסטער איז עס מיט אַמאָל נעקומען, ווי אַ דונער אין אַ שענעם העלען טאָג! ביי אונז אין די קעלער־שטובען האָט עס יעדער טאָג, יעדע שעה געפּייניגט, געבואָטען. ביי אונז איז עס אונזער טאָג־ברויט געוואָרען.

העלענע: (ברעכט זיך די הענד). וואָס איז דאָס אַזאַלכעס געשעהן?

משה: (רופט אויס). עס איז געקומען אַ צייט פֿון פעסער

נעהמען! דאָס שותפות׳דיגע לעבען אין פערנעפעלטען פאַרנאַכט איז פאַר אייך, אַלטע דורות, גוט ווי געווען, וואו איהר האָט זיך געקענט דורכגנב׳נען אונבעמערקט. מיר, יונגע דורות, ווילען פיהרען אונזער לעבען פריי און אָפען! אונפערשעמט ווילען מיר מענשען אין די אויגען קוקען, און אָהנ׳רחמנותדיג זאָלען אַנדערע אויף אונז זייערע בליקען שיקען. זעהט! דאָס און דאָס זענען מיר! אזוי האָט אונז גאָט בעשאַפען!

(עס ווערט פארנאכט, די זוהן געהט אונטער גאנץ ווייט, בעגאלדעט די הויכע טאפאלען=בוימער אונטער׳ן בארג, עס עפענט זיך אויף די פארטקע אין גארטען; עס קומען אריין ר׳ חנן מיט מלכה׳לען מיט די גרויסע סדורים אונטער די ארעם, מיט אויסגעוויינטע אויגען; נאך זיי טראגט נאך דער יונגעל צוויי אין דערהעלפט אויסגעברענטע ליכט. אלע ווערען שטיל,ווארטען. א לאנגע פויזע).

ר׳ חנן: (נעהמט דאס טיכעל אויגען צו און זאגט שטיל, אבער מיט א זיכערע שטימע:) גלויבט צו גאָט, מיט די טויטע האָבען מיר שוין אונזער רעכנונג געשלאָסען.

אנדרזשעי: (געהט צו צום זיידען, פרעגט איהם מיט א רוהיגע שטימע, ווייזענדיג מיט׳ן האנד אויפן ארומיגען עולם:) און מיט די לעבעדיגע, זיידע, האָסט דו שוין דיין רעכנונג געשלאָסען?!...

(פארהאנג פאלט פלינק).

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דריטער אקט.

סצענע: א לאנגער וועג, בעזעצט מיט הויכע טאפאלען, רינגעלט ארום א הויכען בארג, פון דעם בארג צווישען די בוימער ווייזט זיך א אלטע האלב-איינגעפאלענע חורבה. פון די חורבה שטארען ארויס צוויי הויכע שפיטצען, וועלכע בעהאלטען זיך אין די פיעלבלעטערדיגע צווייגען. פון דער חורבה פערשלענגעלט זיך א לענגליך ווייס שטעגעל צום וועג צו. איבערן וועג געגען-איבער דער חורבה, פערוואַרפט זיך א שלאגבוים; פון דעם הויכען קלאטץ ציהט זיך א קייט אראב; ביי וועלכער אין א קליין אלט איינגעפאלען הייזעל זיצט א יודענע, איינגעהילט אין א טוך און שלאפט, האלטענדיג אין דער האנד א לייכטענדע לאמטערן. אויף רעכט אין הינטערגרונד פערבלאנזשעט זיך דער וועג צווישען לאנגע אונענדליכע פעלדער. צווישען די פעלדער גלענצט זיך אין דער לבנה-שיין דאס בלאע צאפעלן פון וואסער. ווייט אין הינטערגרונד אויף יענער זייט ברעג ווערען הויכע און געדיכטע בוימער פערנעפעלט און פערטרונקען אין א טהוי-וואלקען, וואס שטייגט פון דער ערד און געהט אין הימעל אויף. א ליכטיגע לבנה-נאכט. אלץ ארום איז בעגאסען מיט לבנה-ליכט. די ווייסע ווענד פון דער חורבה, וואס ווערען בעלויכטען אין דעם לבנה-ליכט, קוקען העל צווישען די טונקעל-גרינע בוימער ארויס.

א גרופע יודען, אין שווארצע קאפאטעס אנגעטהאן, שטעהען לינקס אין הינטער גרונד פון דער סצענע און זענען מחדש די לבנה. מען זעהט זיי נישט אין גאנצען ארויס, נור בלייכע פנימער מיט די לאנגע שווארצע בערד, וועלכע ווערען בעגאסען מיט דעם ליכט פון דער לבנה.

איינער פון די דאַוונער: (צום צווייטען) שלום עליכם?
אַ צווייטער: (אבענטפערענדיג) עליכעם שלום!
(איינער ווענדעט זיך צום צווייטען און די פראגע מיט דער אנטוואַרט איבערהאלען זיך דריי מאל).

אַ אַלטער יוד: (דאַוועגט הויך פאר אנדערע). הללויה, הללו, פרייזט גאָט, פרייזט אַהין אין די הימעלן, פרייזט גאָט אין דער הויך, פרייזט איהם אַלע זיינע מלאָכים, פרייזט איהם אַלע זיינע הערשאַפט, פרייזט איהם הימעל-הימעל'ן, און דאָס וואַסער, וואָס

איז איבער די הימעלן, זאלען זיי לויבען גאט׳ס נאמען, ער האט בעפוילען און עס איז געווארען בעשאפען, ער האט געבאטען און נישט צו פערענדערען.

(דורך דער צייט, ווען דער אלטער דאווענט, זאגט איינער צום צווייטען צו דריי מאל):

—שלום עליכם?

—עליכם שלום!

(עס קומען אן פון לינקס ר׳ חנן מיט די זיהן, נאך זיי נאך מלכה׳לע מיט די טאבטער און שנור׳ס).

ר׳ חנן: (שטעלט זיך אב ביים שלאגבוים) שטעהט. גענוג מיך בעגלייט. עס איז געקומען די צייט צו געזעגענען זיך. דער שלאגבוים שטעהט צווישען אונז. נאך רעד איך מיט אייך, נאך זעה איך אייך. קוים קום איך הינטער דעם שלאגבוים ארונטער, קעהר איך שוין אן צו דער פערגאנגענהייט.

אנקעל קאהן: זאל עס דער פאטער נישט זא שפרעכען. מיר זאלען איהם אימער, אימער געדענקען. און בעווילינגט עס דער הער גאט אונז מיט איינעם זוהן צו שענקען, אונזער הייסע וואונש איז עס, ער זאלטע דעם פאטערס נאמען טראגען.

ר׳ חנן: איך גלויב דיר, מיין קינד, איך גלויב דיר. אבער איך האב פון עפעס אנדערש געוואלט זאגען. דאס לעצטע מאהל זעה איך אייך. נישט די ערד, וואס האט מיך געבוירען, וועט מיך אין זיך בעהאלטען, א פרעמדער בין איך שטענדיג אין מיין היים געוועזען, און א היימישער אין דער פרעמד. איך געה אב אין א לאנד, וואס איז זעהר וויים און זעהר נאהענט, איך לאז אייך איבער אין א לאנד, וואס איז זעהר נאהענט און זעהר וויים. מיר האבען אונזער ווארצעל אין דער לופט געפלאנצט, דאך האט קיין ווינד אונז פון קיין שורש נישט געקענט אויסרייסען. איהר ווייסט פאר וואס?

אלע: (שווייגען, ווארטענדיג).

ר׳ חנן: מיר, אלטע יודען, האבען געהאט א גרויסען, גרויסען אנהאלט. דאס איז געוועזן אונזער אמונה. די אמונה אין טא-טען, וואס האט דא אונז אהער געשיקט, און אז עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועט ער אונז פון דאנען ארויסנעמען. די ווילדסטע שטראמען פון די שטרוימיגע ימים האבען אונז פון ארט נישט גע-

קאָנט ריהרען. פון לאַנד צו לאַנד האָבען מיר געוואַנדערט, שפּראַך צו שפּראַך האָבען מיר געטוישט, אונזער „יש" איז געבליבען דער איינענער. אונזער ערד, אונזער לאַנד איז געווען אונזער אמונה. אָבער איהר, וואָס האָט צוטוישט אונזערן גרויסען גאָט אויף קליי־נע געטלעך, צו האָט איהר שוין געפונען אַזאַ אָנהאַלט, וואָס זאָל אייך זיין אַ שוטץ פאַר טעג, אין וועלכע שטורם־ווינדען בלאָזען, אין וועלכע ווילדע ימים געהען אַ־ויס פון זייערע ברעגען די וועלט צו פערפלייצען?.. (קיינער ענטפערט נישט. פויזע. צו באריס'ן): ברוך, ברוך, מיין בכור, צו דיר וועל איך זיך צום ערשט. (גיעט איהם די האנד). זאָג מיר, מיין זוהן, פאַר מיין אַוועקגעהן: צו ביזט דו זיכער וועגען דעם, וואָס איך האָב גערעדט יעצט? צו קענסט דו נע־מען אויף דיר דאָס אחריות, אַז די ערד וועט דיין אַלטען טאַטען פון קבר נישט ארויסוואַרפען, איבער די חרפות און בושות פון די לע־בענדיגע, וואָס ער האָט איבערלאָזט נאָך זיך?

באָריס: אויף מיר, טאַטע, קען איך נעמען דאָס אַחריות, איך האָב, גאָט צו דאַנקען, מיין פרנסה, אַ בעל־הבית אין שטאָדט, און אַ יוד זינדיגט נישט פאַר וואויל־טאָג... מיינע קינדער אַזוי לאַנג, ווי איך לעב... חאָטש אין אמת'ן ווער האָט היינט, מ'שטיינס געזאָגט, רשות אויף קינדער? גאָט איינער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ געשעפטען זיי פערנעמען זיך. אַז עס זענען מאָדעס ארויסגעקומען אויף דער וועלט... לאָז דאָס לערנען, געלד אויף דעם קאָסטען?

ר' חנן: האָסט מיט זיי אַנדערע תורות געלערנט. איך וויל נישט יעצט קיין מוסר, קיין תוכחה זאָגען, היינטיגע וועלט פער־לאַנגט עס... ביסט דו נור זיכער אין זייער אמונה אין די נייע תורות?

באָריס: נאָך וועגען דעם זאָל איך קלעהרען? איך בין אַ היינטיג־וועלטיגער קויפמאַן, כ'האָב געטהאָן דאָס וואָס די היינטיגע וועלט פערלאַנגט (קושט זיך מיט'ן פאטער). דאָס איבריגע, אַזוי ווי זיי וועלען זיך אויסבעטען, אַזוי וועלען זיי שלאָפען. (געהט צו, קושט זיך מיט דער מוטער).

יוסף: זעהסט דו, טאַטע, איך האָב מיט זיי געלערנט די אַלטע תורות, זאָגען זיי, אַז דאָס איז שוין צו אַלט פאַר זיי,

אַז דאָס צופאַלט און שטאַרבט אָב. אַז מען מוז בעשאַפען, צוריק אויפפרישען דאָס אַלטע און צושנײַדען עס לויט דעם הײַנטיגען שניט. פערשטעהסט דו עס, טאַטע?

ר׳ חנן: און יעדער אין זײַן בעזונדערע תורה...

חנה׳לע: (געהט צו מיט דריי גרויסע ליכט, וועלכע גיעט איבער ר׳ חנג׳ן): איך האָב טאַקי דעם שווער געוואָלט בעטען. כ׳ בעט איבער טויזענדער מאָהל, כ׳ בין נור א זינדיגע יודינע. מײַן האַרץ שרעקט זיך. איך ווײס אַלײן נישט וואָס, לאָז דער שווער אָנצינדען די ליכט אויף די מאַמע רחל׳ס קבר, איבער זײערע נשמות וועגען (ווייזט אויף איהרע דריי זיהן, מיט טרעהרען אין די אויגען): זאָל דער שווער לויפען, מיהען זיך, גאָט זאָל העלפען, אַז זײ זאלען דאָך... איך ווײס אַלײן נישט וואָס... איך ווײס אַלײן נישט וואָס...

ר׳ חנן: (נעמט צו די ליכט). איך וועל לויפען, טאָכטער, איך וועל מיך מיהען, עס זאָל נור נאָך צײַט זײַן.

העלענע: (מיט אויסגעוויינטע אויגען, ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף יוסטינען און אנדרושעי׳ן). און פאַר מײַנע קינדער אויך׳עט, און פאַר מײַנע קינדער אויך׳עט.

ר׳ חנן: (מיט די האנד צו איהר): און פאַר דײַנע קינדער אויך׳עט, און פאַר דײַנע קינדער אויך׳עט.

יוסף: (מיט טרערען אין די אויגען). פאָהרסט אַהײם, טאַטע, אין הײליגען לאַנד. גריס זײ דאָרטען, די אַלטע קברים, און די מאַמע רחל׳ס קבר, וואָס שטעהט אויף׳ן וועג קײן בית-אל. זאָג זײ דאָרט, פערצײל זײ דאָרט, וואָס מיר שטעהען זיך אין גלות אוים. אַז עס איז שוין צײַט, אַז מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען, די מאָס איז שוין פול, די צרות געהען שוין איבער, זאָג זײ דאָרט... קינדער אין פרעמדע הענד... הפקר פאַר דער וועלט... ווער עס וויל, ווער עס קען... (פאַלט ארויף אויפ׳ן פאַטער׳ס האלז).

ר׳ חנן: (חליפעט ארויס אין טרעהרען) איך ווײס עס גאַנץ גוט... שוין לאַנג געקומען די צײַט... שוין לאַנג צײַט... עס פעהלט נור די ריכטיגע מינוט... די ריכטיגע מינוט... (געזעגענען זיך אין טרעהרען, זעהר הייס... יוסף געזעגענט זיך דערנאָך מיט די מוטער).

ר׳ חנן: (צום אנקעל קאהן, געבענדיג איהם די האנד צו זעגענען).

נו, אין דיינע געגענדען, אין דיינע לענדער ווארטען יודען אויך נאך אויף משיח׳ן?

אנקעל קאהן: אך, יא, ליבער פאטער, וויר וואהנען אין איין „קאנסטיטוציאנירטעס" לאנד, אין איין קולטורערעס לאנד, עס גיעבט יא קיינע בעגרענצונג אין רעליגיאנס-אנגעלעגענהייטען. דאגעגען, אונזער רעגירונג איז יא זעהר פיעל פיר רעליגיאן. וויר האבען אונזער טעמפעל, אונזער שוחט, אונזער קולטוס-געמיינדע, גיעבט אויך יא נישט „די", „דאס„ (ציהט מיט׳ן אקסעל אויף חיים, משה און בן-ציונ׳ן. מיט פאראד). און דער ערינערונגס-טאג אונזערער עלטערן ווירד ביי אונז געפייערט מיט׳ן שענסטען פאראד. „יאהר-צייט" איז איינע גרויסע מצוה, ווי עס פלעגט זאגען דער ראבינער אין דער זינאגאגע זאנאווענד. נישט וואהר, מיין אנגעל?

טאנטע בערטא: (זייענדיג פערנומען מיט זעגענען זיך מיט דער מוטער, ווארפט ארונטער דעם קאפ צים מאן מיט האלב פערוויינטע אוי-גען). וואהר, מיין ליעבער, וואהר, מיין גאטע.

ר׳ חנן: (גיעט די האנד דעם אנקעל, געזעגענענדיג זיך מיט איהם). און וואס בעפעלסט דו מיט אהיים?

אנקעל קאהן: איך האב א ביטע צום פאטער, איינע זעהר גרויסע ביטע, וויסע דער פאטער איז פרומער יודע, זעהר פרומער יודע. זאל דאך דער פאטער דעם הער גאט ביטען און די הערען פראפהעטען: איך בין זא איינזאם און ווינשע מיר איינעם זענכען צו האבען, דען איך מיט דעם פאטערס נאמען נענען זאל, דער נאך מיר קדיש זאגען זאל...

ר׳ חנן: איך וועל מיך מיהען (געזעגענט זיך מיט׳ן אנקעל. ‏עהט דערנאך צו ׳מלכה׳לען. צו די אייניקלעך). און איהר, יונגע דורות, צו האט איהר עפעס מיט צו בעפעהלען? צו ווארט איהר אויך? צו האפט איהר אויך? (צו בן-ציונ׳ען). וואס זאל איך זיי ראגט פון אייער נאמען זאגען?

בן-ציון: אז עס וועט זיין און דו וועסט אהיים קומען, אין לאנד אריין, זאג זיי דארט, וועק זיי דארט, אז עפעס וואס איז געשעהען אין גלות, אז עפעס וואס האט אויפגעלעבט צווישען אונז... וועסט דו זעהן די וויסטע פעלדער פון שרון און כרמל,

און די טויטע ברעגען פון אַלטען ירדן, זײַ זיי דאָרט מבשר, אַז עס קומט די צײַט, און די פֿערוואַנדעלטע פון אַלע פיער עקען קו־מען צוציהען מיט אקער׳ס—פון וואָג און אײַל, מיט שנײַדערם— פון מעסט אוי קוואָרט... וועק זיי דאָרט, זאָג זיי דאָרט, אַז נישט מעהר וועט זיי בעאונרוהיגען פון זייערע קברים קלאָג־געוויינען פון אַלטע גוסס׳ע יודען, וואָס ברענגען צושלעפּען זייערע אַלטע ביינער פון גלות אין דעם אלטען קאַסטען שמות אַריין, אַנדערע געזאַנגען וועלען זיך איבער זייערע קברים לאָזען הערען ...
וועק זיי דאָרט, זאָג זיי דאָרט...

ר׳ חנן: איך וועל זיי וועקען, איך וועל זיי זאָגען: משיח׳ס צײַטען, משיח׳ס צײַטען. גאַנץ גוט, גאַנץ שען, אָבער דאַכט זיך ניט גאַנץ יודישליך, ווייס איך וואָס אַזוינס ?... סײַ ווי סײַ, בלײַבט געזונד, מײַן קינד, זאָל גאָט געבען, אַז... (געזעגענט זיך מיט איהם). כ׳וואָלט אָבער וועלען וויסען, וואַרטען נאָך דײַנע ברידער אויכ׳עט אַזוי אויף משיח׳ן ?

חיים: אָבער ווי נאָך אַזוי, זיידע ? אָבער נישט אויף דעם קלײַנעם שאָוויניסטישען משיח פון יודען־ציוניסטען. אין אונז האָט זיך דערוועקט דער יוד דער מענש! פון די וואָס פערלאָזען זייער גאָרטען און געהען פלאַנצען אַנדערע גערטנער... די, וואָס פער־ניכטען אַלטע וועלטען און געהען בויען נײַע, פון וועלכע זיי ווערען דערנאָך אַליין אַרויסגעטריבען.... זאָג זיי דאָרט, אַז מיר ווע־בען דאָ די נשמה פון דעם נייען משיח׳ן פון אונזערע זיידעס, די נביאים, וואָס וועט קומען, ווי אַ זון אויף דער גאַנצער וועלט, און וועט אויפעפענען פערבונדענע הענד, און אָבווישען אונגליקליכע טרעהרען.

ר׳ חנן: משיח׳ס צײַטען, משיח׳ס צײַטען!

באָרים: (האקט איהם איבער). קוקכט מיר אָן מײַנע משיח׳ס מענשען ?

העלענע: (צו דער שוויגער). תפילים לעגען זיי ? דאַוונען דאַוונען זיי ?

יוסף: נײַע יודען, נײַע משיחים.

ר׳ חנן: איך וועל זײַ זאָגען, כ׳וועל זײַ זאָגען, זאָלען זײַ דאָרט וויסען, זאָלען זײַ דאָרט וויסען. משיח׳ס צײַטען, משיח׳ס צײַטען.. (געזעגענט זיך מיט איהם).

משה: יעדער דור און זײַן משיח, יעדער דור און זײַן משיח.

ר׳ חנן: און דו, ווען מען הײַסט דו דאָרט גריסען, מײַן קינד?

משה: אַלע גוטע און פרומע לײַט און אלע הײליגע קברים, וואָס מען האָט אונז אין חדר מעשיות דערצעהלט, און די מאַמע רחל׳ס קבר מיט די מערת המכפלה, און דעם כותל מערבי מיט דעם הזתים־באַרג. און ווערסט דו אפשר אליהו הנביא טרעפען תשעה באָב אויף דער נאַכט, ווען ער געהט די אָבות וועקען און נאָך אַלטע גוטע בעקאַנטע פון אַמאָליגע חדר־צײַטען, לאָז זײַ דאָרטען הערצליך געריסען; לאָז זײַ דאָרט הערצליך גריסען.

ר׳ חנן: און פון משיח׳ן דערמאָנסטו גאָר ניט? אַ וואונדער עפּעס!

משה: איך בין אַ יוד, וואָס ליעבט דאָס גלות, אָט אַזוי ווי עס איז, מיט דעם בית־המדרש־געסעל, מיט׳ן רב און דין, מיט׳ן שופר און חלוצה־שיך. דאַכט זיך, דאָס איז דאָס יודישקײַט, דאָס אמת׳ע, דאָס פּראָסטע. אויף משיח׳ן קען איך האָפען, וואָס וועט קומען צורײַטען אויפ׳ן ווײַסען אײזעל, מיט׳ן שופר און פּאַפּירען־בריק. בין איך אָדער שוין צו יונג, אָדער שוין צו אַלט, אַז איך זאָל נאָך קענען גלויבען אין נסים. דער משיח פון מײַן ברודער דורך קאָלאָניאַל־באַנק און נאַציאָנאַל־פאָנדען, דורך טעריטאָריאַליס־טען און אוגאַנדיסטען איז מיר פרעמד, איז מיר ווײַט, עס איז נישט מײַן, עס איז נישט דײַן. און ס׳דאַכט זיך גאָר מיט זײַער לשון־קודש רעדען, עס איז דאָך נישט יודישליך פון מײַן זײדען, פון מײַן באָבען.

ר׳ חנן: אַ יונגער בחור מיט אַ לשון פון אַ נ׳אַל־טען מאַן.

משה: איך בין יונג און אַלט. מען מוז דאָס אַלטהײַט פערוינגען, און דאָס יונגע מוז זײגען פון דעם אַלטען, האָט עס

דענסמאָל אַ קיום, האָט עס אַ בעשטאַנד. אַ פֿאָלקס־גײַסט קאָן מען נישט פֿון פֿינגער אויסזאָגען, נישט פֿון צוויי טויזענד יאהר פריהער, נישט פֿון צוויי טויזענד יאָהר שפעטער. עס מוז זײַן פֿון דעם, וואָס עס איז, פֿון נעכטען און הײַנט, פֿון הײַנט און מאָרגען...

ר׳ חנן: דײַן וכוח וועסט דו ווײַטער מיט דײַנע ברידער פיהרען. איך בין צו אַלט פֿיר דעם. (געזעגענט זיך מיט איהם). ברוך׳ס קינדער שטעהען מיר אַזוי פֿון דער ווײַטען. צו האָבען זיי מיר גאָרנישט צו זאָגען פֿאַר מײַן אַוועקגעהען?

יוסטינע: איך, זיידע, אָ.

ר׳ חנן. וואָס אַזוינס?

יוסטינע: געלעבט האָסט דו, זיידע, אויף דער ערד און יעצט געהסט דו שטאַרבען אין אַ נ׳אַנדערע מדינה! פֿון דער פֿרעמד ביסט דו געקומען צוציהען צו אונז, קיינער ווייס פֿון וואַנען, קיינער ווייסט נישט ווען און וואו. מיט דעם ערשטען פּאָליאַק אויף דער ערד געפֿינט מען דיך שוין, טראָגענדיג דײַן פעקיל מיט׳ן שטעקען אין דער האנד צווישען די פוילישע ווערבען. וואו דו ביסט געקומען, האָסט דו אַ קינד איבערגעלאָזט. אונטער יערען בוים האָסט דו דײַן טאַטע, דײַן מאַמע בעגראָבען. דײַן בלוט, דײַן ביין איז אין דער ערד געוואָרען פערזייהט.—ווי די פוילישע איינזאַמע טאָפּאָלען, אַזוי האָט מען דיך בעגעגענט אויפ׳ן פוילישען וועג. יעצט געהסט דו וואו אַנדערש דײַנע אַלטע ביינער אַוועקטראָגען,—ווילסט דו דען נישט מיטנעהמען מיט דיר אַ הויפֿען פֿון דער ערד, אויף וועלכער דו האָסט געלעבט, אין קבר אַרײַנצולעגען. זעה! (זי נעהמט אַ הויפֿען ערד). צוברעך די ערד! (זי טהוט דאָס.) טאָמער וועלען פֿון איהרע זעמדליך בלוט רינען, וועלען טריפֿען דײַן בלוט, מאַרך, דײַן ביין, וואָס זעדער הויפֿען איז מיט דיר געוואָרען צוזאַמענגעקנעטען!? וואו לאָזט דו דײַן טאַטענ׳ס, דײַן מאַמע׳ס ביינער איבער?

ר׳ חנן. איך האָב אויסגעהערט, מײַן קינד, דײַן מוסר. אז משיח וועט קומען, וועלען זיך די ביינער פֿון אונזערע אָבות, וואָס זענען בעגראָבען אין גלות, קײַקלען זיך אונטער דער ערד אין ארץ ישראל אַרײַן און וועלען דאָרט צו תחית־המתים אויפֿשטעהען, שטעהט געשריבען אין אונזערע הייליגע ספרים (פויזע). און אַהיים צו דער אַלטער מאַמע האָסט דו גאָר נישט מיטצובעפֿעהלען?

יוסטינע: אז איך האָב זי קיינמאָל נישט געזעהען, קיינ־מאָהל נאָך איהר נישט געדענקט, אז אַנ׳אַנדערע כּאַמע האָט מיך געבוירען, זַנ׳ אַנדערע מאַמע האָט מיך אויפגעצויגען...

ר׳ חנן: (ווענדט זיך צו אַנדרזשעי׳ן). און דו שטעהסט אַזוי פון דערווייטען?

אנדרזשעי: איך ווייסט נישט, ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, וואוהין איך איַל. אַ שפּענדעלע אין יַם בין איך. יעדע כוואליע שלעפּט אין אַנ׳אַנדערן וועג. דער טאַטע האָט מיר גאָרנישט געגעבען, די מאַמע האָט מיר גאָרנישט געגעֶבען, איך האָב צו קיי־נעם גאָר נישט מיטצובעפעהלען, צו קיינעם גאָר נישט מיטצו־בעפעהלען.

ר׳ חנן: און ווי אַזוי לעבסט דו, מיין קינד?

אנדרזשעי: ווי אַ ווינד, פון לאַנד צו לאַנד, פון שפּראַך צו שפּראַך, ווער עס וויל, ווער עס קומט, גיעט די האַנד.. (פּויזע), און עס פאַלט טהיילמאָל אָן אַ שרעקליכער טרויער פון נע ונד. אַ טרויער פון קיינעם נישט צו געהערען, פון אַ הפקר־קינד, וואָס ווייס ניִשט ווער זיין טאַטע איז, ווער זיין מאַמע איז...

ר׳ חנן: (צו זיך). משיח׳ס צייטען, משיִח׳ס צייטען... (פּויזע). גענוג, מיינע קינדער, גענוג, מיינע איינִיקלעך. עס איז געקומען די צייט פון געזעגענען... האָרכט מיך אויס פאַר מיין אַוועקגעהען. אין פיִעל לשונות האָט איהר גערעדט צו מיר, אין נעמען פון פיִעל געטער, פיִעל משיח׳ן. יעדער און זיין משיח, יעדער און זיין משיח. איך בין דער שטאַם, פון וועלכען איהר, צווייגען, זענט ארויסגעוואַקסען. מיִר אלע, דער גאַנצער בוים מיִט אַלע זיינע צווייגען מיִט זיינע וואָרצעל, דאָס איז דער יוד פון אויביִג, דער יוד, וואָס איז געווען, איז און וועט זיין. דער בוים האָט זיִך צוטהיילט. יעדע צווייג האָט זיך גענומען איהר חלק וואָרצעל און איז זיך אַוועקגעגאַנגען פאַר זיך אַליין איינפלאַנצען. גאָר! דאָך שיִק דעם איינציִגען משיח׳ן, וואָס זאָל די אלע אונטער איין בארג סיני אַרונטערנעהמען, וואָס זאָל די אַלע דיין איינציִגען נאָמען מאַכען וויִסען, וואָס זאָל די אַלע איין בשותפותדיִגע נשמה געבען.... איך פיהל, אַז עס דערנעהנט זיִך די ריִכטיִגע מיִנוט... ער וועט קומען און צופיהרען די גרענעצען פון לאַנד און לאַנד, פון מענש און מענש... עס קומט די ריִכטיִגע

מינוט... משיח׳ס צײַטען... משיח׳ס צײַטען... איהר הערט, ווי עס רופט... הערט, מען רופט... די ריכטיגע מינוט... די ריכטיגע מינוט...

(עס ווערט זעהר שטיל צווישען עולם. אלע ווארטען און הארכען זיך איין מיט אונגעדולד, עס דערהערט זיך פון גאנץ ווייט א קול פון א שופר, בלאָזענדיג אלאנגע, אויסגעצויגענע הקי-עה— די תקיעה איבערהוילט זיך דריי מאל. צווישען איינע און די אנדערע א לאנגע פויזע. דערנאך הערט זיך א גערויש פון דער ווייטען, ווי א ווינד וואלט נעבלאזען אין די זאַנגען...)

ר׳ חנן: (אין דער שטיל אויסגעצויגען). די ריכ—טיגע מי—נוט... די ריכ—טי—גע מי—נוט...

משה
בן-ציון
חיים
(ווערען פערלארען אונטערן בארג, נאך א קליינע פויזע ווייזען זיי זיך אויף דער סטעזשקע, וואס איז אויפ׳ן בארג, קוקענדיג ערגעץ וואו ווייט אין דער וועלט אריין.) (א לאנגע פויזע).

חיים: (פון בארג אראב, ווייזענדיג דארט ווייט, וואו עס ווייזען זיך די פעלדער). עפעס וואס רייסט זיך, און וועקט זיך און ברעכט זיך אין דער לופט... ווינדען, זיי בלאָזען פון מזרח און מערב... זיי וועקען, זיי בעלעבען די טויטע די ביינער. עפעס ווער קומט און געהט פון דער ווייטען, דעם הימעל שפּאַלט ער מיט זיין בליק. די ערד ברעכט ער מיט זיין שטימע... עס הערען זיך רעש׳ן פון טויערען, זיי וועקען צוברעכען... פון שלעסער, זיי צופּלאַצען... פון קייטען זיי צוררייסען... עפעס ווער קומט און געהט פון דער ווייטענס...

בן-ציון: זיי קומען פון אַלע פיער עקען וועלטען... זיין קומען, זיי געהען... איז עס מ נשען... די קברים, זיי עפענען זיך, די ערד, זי שפּאַלט זיך... עס שטייגען די טויטע פון אַלע דורות... די ביינער, זיי ווערען בעהויט, די גליעדער, זיי ווערען פערפלייצט... זיי קומען, זיי געהען פון אלע פיער עקען וועלטען...

משה: שטראָמען פון בלוט האָבען מיינע אָדערן ערפילט. עפּעס וואָס האָט אויפגעלעבט אין מיין האַרץ, וואָס האָט אַ מאָל ערגעץ וואו געלעבט, איך ווייס נישט און געדענק נישט וואו... עס רופען מיך קולות... עס וועקט מיך א שטימע, אַ פרעמדע און אַ בעקאַנטע, אַ נאָהענטע און אַ ווייטע, איך האָב, דאַכט זיך, וואו

זי געהערט: .. איך ווייס נישט ווען, איך געדענק נישט וואו...

בן=ציון: שטימען, זיי רופען פון ווייט און נאָהענט.. מאכט עס אַ וועג אין גלות...

חיים: שטימען, זיי רופען פון אַלע פיער עקען: דאָס פאָלק, וואָס איז געזעסען אין דער פינסטער, זעהט אַ גרויסעס ליכט.

משה: עס וועבט זיך אין מיר אַ נייע נשמה. שטראָמע בלוט, נייע בלוט האָבען מיינע אָדערן ערפיהלט, און אַ ליכט איז געפאַלען אויף מיינע אויגען, איך זעה עפּעס וואָס... איך הער עפּעס וואָס...

(עס הוילען זיך איבער אַלץ אינאיינעם די לאנגע אויסגעצוי=
גענע תקיעות פון ווייט, פון גאנץ ווייט).

ר׳ חנן: (וואס איז געשטאנען די גאנצע צייט פערטיפט, וועקט זיך פלוצלונג אויף). עס איז געקומען די ריכטיגע מינוט, די ריכטיגע מינוט.

באָרים: (רייסט זיך פון פאטער). וואו אַהין דאָס, טאַטע? וואו אַהין?

ר׳ חנן: דאָרט, וואו עס וועקט... דאָרט וואו עס רופט (ווייזט אויפ׳ן נאכ׳ן של גבוים). עס איז געקומען די ריכטיגע מינוט, די ריכטיגע מינוט.

באָרים: (רייסט זיך פון פאטער). איך קען נישט, טאַטע, איך קען נישט, מאַמע. איך לאָז דאָך שטעהן דאָ מיין האָב און גוטס, אַ הויז אויף מאַריאַנסקע און קאַרמעליטסקע און היינט געלד אין גוי׳ס הענד. ערשט מאָרגען האָט מיר דער פּאַן פון מאַראָווקע צו בע= צאָהלען די זעקסטע ראַטע.

ר׳ חנן: לאָז דאָך איבער דאָס האָב און גוטס, ראַטעווע דיר די נשמה, די נשמה. עס איז געקומען די ריכטיגע מינוט, די ריכטיגע מינוט.

באָרים: (ארויסגעריסען זיך פון פאטער). איך קען נישט, טאַטע, איך קען נישט, מאַמע, מיין האָב און גוטס, מיין האָב און גוטס, פאָהרט געזונטערהייט, געהט געזונטערהייט, איך וועל דאָך אַ מאָל צו אייך צו גאַסט אַריבערקומען, ווען עס וועט זיך מאַכען אַ גוטע געלעגענהייט... אַ גוטע געלעגענהייט. (געהט אב מיט העלענען, ווינקענ-

דינג אויף די קינדער, אויף אנדרזשעין און יוסטינען). קומט מיט, קומט מיט!

אַנדרזשעי: איך האָב נישט קיין טאַטע, איך האָב נישט קיין מאַמע, איך ווייסט נישט ווער איך בין, וואו אַהין איך געה, פון וואַנען איך קום.

יוסטינע: מיין טאַטע איז מיר פרעמד, מיין מאַמע איז מיר פרעמד. פון דער ערד בין איך געקומען, צו דער ערד געה איך צוריק. (זי זעצט זיך אויף א שטיין, וואס שטעהט אויפ'ן וועג, געגען־איבער דער חורבה):

(באַרים און העלענע געהען אָב לאַנגזאַם לינקס).

(עס הוילען זיך איבער די תקיעות).

ר' חנן: (חאַפּט פאר'ן אנקעל קאהן). עס איז געקומען די ריכטיגע מינוט, קום דאָך מיט, קום דאָך מיט...

אָנקעל קאַהן. דאַנקע בעסטענס, דאַנקע בעסטענס. פערשטעה עס דאָך גאַנץ גענוי, האָבע אָבער צו הויזע פאַבריקאַציאָן, אינדוסטריע, וויר ווערדען נאָך נאַכדענקען, נאָך איבער דיזע שפּרעכען מיט דעם פרעדיגער פון דער זינאַגאָג דיזען זאָנאַבענד.

בן־ציון: (אַראָבגעהענדיג פון בארג). לאָז זיי געהן, די גלות־קנעכט, אין מדבר וועט איהר שטאַרבען ווי די עלטערן פאַרצייטענס, בענקענדיג נאָך די טעפּ פליייש, וואָס זיי האָבען אין מצרים געלאָזט. לאָזען זיי געהען, לאָזען זיי געהן, מיר, דער יונגער, מיר, דער פרייער דור, קומען מיר אין ארץ־ישראל אַריין.

אָנקעל קאַהן. (אַרויסגעריסען זיך) מיט גאָטעס נאָמען מיט גאָטעס נאָמען (צו בן־ציונ'ען). וואָלטען זיי פיליייכט מיין אַגענט אויף פּאַלעסטינע ווערדען. דאָס לאַנד האָט קיין קולטור, קיין אינדוסטריע, קען אַ גרויסער אַבנעהמע ווערדען. דאַ היער האַבען זיי מיין פרייז־קוראַנט. (אַרויסנעמענדיג פון דער טאַשע א ביכעל). איז זעהר אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט...

חיים: (אַראָבגעהענדיג פון בארג). לאָז זיי וואַנדערן, לאָז זיי וואַנדערן, די אַלטע העכט, די פעטע העכט, און די בייגער זיך פּאַשען מיט שאַנד און שפּאָט, אויף מיסט און קויט...

אָנקעל קאַהן: (אראבגעהענדיג מיט די טאַנטע בערטא און־

טער׳ן אָרעם). דאנקע שען, דאַנקע שען. מיט גאָטעס נאָמען, מיט גאָטעס נאָמען... .

טאַנטע בערטאַ: (האלבליך ברוגז). אַך, קיינע ערציהונג, קיינע בילדונג, ווי דאָס וואָלטע אין באַרבאַרען-לאַנד געבוירען. (געהען אָב געאַרעמט נאך באָרים׳ן מיט העלענען).

בן-ציון: (צו פאטער-מוטער). דאָרטען שיינט, דאָרטען פלאַמט, קום דאָך, טאַטע, מיט, קום דאָך, מאַמע, מיט.

ר׳ חנן: (צו יוסף׳ן). עס איז געקומען די ריכטיגע מינוט, קום דאָך מיט, קום דאָך מיט ...

יוסף: עפּעס גלויב איך יע, עפּעס גלויב איך נישט, אַז איהר זאָגט, געה איך מיט, ג.ה איך מיט...

משה: (אַ־אבגעהענדיג פון בארג). לאָז מען מיטנעהמען פון גלות עפּעס וואָס, עפּעס וואָס. דאָ האָט מען געלעבט, דאָ איז מען געשטאָרבען, און דאָס בית-המדרש-געסעל מיט דעם פלומפּעל, עס איז דאָך אַזוי יודיש...

יוסטינע: (דערהויבט זיך פון שטיין, נעהמט א טיכעל און פאַקט איין אין דערינען ערד, וועלכע זי נעהמט פון הינטער א בוים, גיעט איבער דאס פעקעל דעם יידען). נעהם דאָס הויפען ערד מיט, נעהם דאָס מיט דיר אין קבר אַריין. אויף דער ערד ביסט דו געבוירען, געלעבט און געדאַווענט, געהאָפט און געוויינט... אין דער ערד האָסט דו דיין טאַטען מיט דיין מאַמען בעגראָבען, דיינע קינדער מיט דיינע אייניקלעך איבערגעלאָזט. נעם זי דיר מיט. עס איז א שטיק פון דיין לייב, פון דיין נשמה געוואָרען...

ר׳ חנן: (נעהמט פון איהר דאס פעקעל ערד). וויפיעל מאָל אין שמונה-עשרה זי ערמאָנט, און ברכות איבער איהר געמאַכט, און לערנען זיך אָנגעהערט ... (צו יוסטינען). אָבער קום דאָך מיט, ביי וועם און וואו וועסט דו איבערבלייבען?

יוסטינע: נישט אייער משיח איז מיין משיח, נישט אייער לאַנד איז מיין לאַנד. מיך רופען אַנדערע שטימען, מיר זינגען אַנדערע ליעדער. זעהסט דו דאָרט דאָס לאַנד ברייט און וויט? (ווייזט איהם אויף די פעלדער אין הינטערגרונד רעכט׳ס), וואו עס בעהאַלט דאָס פּנים אין די הענד און עס וויינט און עס בענקט, אָט דאָס ציהט דאָך מיין נשמה... דו זעהסט די ווערושבע מיט די לאַנגע

צופלאשעטע צעפ, וואָס זי שטעהט איינזאַם אויפ׳ן וועג, און ציהט רעכטס און לינקס אויס די הענד? דאָס רופט זי מיר, דאָרט אַהין צו זיך... און די חורבה די ווייסע, ווי אַ בלייך העלדען־געזיכט, קוקט זי אַרויס צווישען גרינס, בעגאָסען מיט לבנה־ליכט, וואַרט, זי קומט, זי ענפלעקט, די קעניגין, דעם שניידערס טאָכטער פון אָפּאָלע מיט קרוין און גאָלד, און זי רעדט, און זי דערצעהלט פון יאָהרען לאַנג, פון יאָהרען וויַיט, וואָס האָט זיך דאָ אָבגעטהון אין פאַלאַטץ, אין קאַזימירזשס צייַט, אין קאַזימירזשס צייַט...

ר׳ חנן: (ווי אבגעהענדיג מיט מלכה׳לען, אלע נאך זיי). בלייַב געזונד, מייַן אָ״ים קינד, מייַן אָ״ים קינד!

מלכה׳לע: מאַמע יענטע׳לע, מאַמע יענטע׳לע! וואו לאָז איך דיך איבער, וואו לאָז איך דיך איבער?

משה: (צו אנדרזשיי׳ן) קלויב אויס געשווינד אַ גאָט און אַ משיח, דו הערסט, מען רופט? דו הערסט, מען בלאָזט! עס איז געקומען אַ צייַט פון אויסצוטוישען די פערלעגענע סחורות, קלויב געשווינד!

אַנדרזשעי: דאָ איז מיר פרעמד, דאָרט איז מיר פרעמד.. אויף דער גרענעץ שטעה איך פון לאַנד און לאַנד... פון פאָלק און פאָלק, פון שפּראַך און שפּראַך. וואָס איך וויל, דאָס איז מייַן... אייַערע שטימען דופען מיך נישט, אייַערע שטימען וועקען מיר נישט. מייַן טאַטע האָט מיר גאָר נישט געגעבען, מייַן מאַמע האָט מיר גאָר נישט געגעבען, איך ווייס נישט וועמען צו געהערען, וועמען צו געהערען.

ר׳ חנן: בלייַב געזונד, מייַן אָרים קינד, מייַן אָרים קינד.

מלכה׳לע: געה אויפ׳ן טאַטענס ר׳ אַנשעלעס קבר און בעט מחילה, און בעט מחילה... דאָס איז די בעסטע סגולה.. די בעסטע סגולה...

יוסף: פאַר׳ן טאַטענס זינד לייַדט דאָס קינד...

(מען הערט תקיעות בלאזען, ווינדען יאגען).

בן־ציון: קומט געשווינד, קומט געשווינד (צו אנדרזשעין או יוסטינען. אלע). בלייַבט געזונד, בלייַבט געזונד. (אלע געהען דורך דעם שלאגבוים און ווערען פערלוירען ווייט אויפ׳ן וועג, וואס ווייזט זיך דארט

צווישען די פעלדער, אויסער יוסטינע, וועלכע זיצט אויפ׳ן שטיין ביים וועג, און אנדרושעי שטעהט ביים שלאגבוים).

אַנדרזשעי: (שטעהענדיג ביים שלאגבוים). מיין מאַמע האָט מיך פערלוירען אויפן שיידע=וועג, אויפ׳ן שיידע=וועג. איך וויים ניט, וואו אַהין צו געהן, וועלכעס איז מיין... איך בין אַ מצבה אויף דעם גלות, וואָס דאָ איז געווען אַ מאָל, אויף דעם יוד פון אַ מאָל...
(עס הויבט אן טונקעל צו ווערען, די לבנה בעהאלט זיך הינטער די וואלקען, אלעס הילט איין א גרויסער נאכט-פלעק).

יוסטינע: (זיצענדיג אויפ׳ן שטיין): מאַמע ערד, דו הילסט דיך איין אין דיין נאַכט=סוד און געהסט אַריין אין דיר, נעם מיך מיט אין דיר, טולע מיך איין אין דער טיפּעפעניש פון דיין סוד. מיין מאַמע איז מיר פרעמד, מיין טאַטע איז מיר פרעמד, מיין משפחה איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ פרעמדעם לאַנד. (פויזע). מאַמע ערד, איך בין דיין קינד, פון דיר געקומען, צו דיר גייה איך צוריק, נעם מיך מיט, טולע מיך איין צו דיין ברוסט (זי זעצט זיך אויף דער ערד און טוליעט איין אין איהר איהר געזיכט). וואָס וויינסט דו, מאַמע=ערד? וואָס וויינסט דו אַזוי אין דיר?... ווער איז דאָס צו דיין ברוסט געטוליעט, דאָרט ווייט, דאָרט ווייט, און רייסט די האָר פון דעם קאָפּ... און קרעכצט אין דיר און וויינט אין דיר... (זי פערשוויגט).

אסתר׳קע: (פון דער חורבה געהט זי ארויס אויף דעם ווייסען שטעגעל, וואס פירט צום וועג צו. זי איז זעהר אהויבע, איהר שווארצע צעפּ האר לאזען זיך אראב איבער איהר גאלדענעם קלייד, וועלכעס איז מיט א וויים ליילעך ארומגעהילט. אויף דעם שטערן, ארויפגעפאסט אויף די האר, טראגט זי א זילבערנע קרוין, און וועלכע עס געהען אוים איהר פינקעל-דיגע שטערן. זי איז בלינד. האלט א גרויסען שטעקען אין דער האנד און זוכט מיט׳ן שטעקען צווישען די גראזען. רע-דענדיג צו זיך. מיט א טענליכע, האלב פערלוירענע שטימע).

אסתר׳קע: איך בין אסתר׳קע, דעם יודישען שניידער׳ס טאָכטער פון אָפּאָלע. דער יוד איז שמוציג, דער יוד איז ברודיג. די יודישע טאָכטער איז שען! דער קעניג האָט מיר געזעהען, אין זיין פּאַלאַץ מיך געפיהרט, דעם גאָלדענעם פּאַוואָהאַר מיר אין האַנד געגעבען, פאַר זיין קאָבאַנקע מיך געמאַכט. שווייגט, איהר, ווענד, שווייגט, איהר, ביימער! אָ, קומט צו מיר מיין מאַן, קומט צו מיר מיין פּאַן, דורך הינטער=וועגען, דורך הינטער=שטעגען... (פויזע).

איך בין געשטאָרבען, דער קעניג האָט מיך די או געגען אַרויס־גענומען, און בעט צו זיי, און קניעט צו זיי... יעצט קען איך צו בית דין של מעלה נישט קומען, מוז איך מיר די אויגען זוכען, די אויגען זוכען. (זי זוכט מיט'ן שטעקעל צווישען די גראָזען). נישט דאָ, נישט דאָרט... (ווייט אין הינטערגרונד אַ ווייטע קוים הערענדיגע תקיעה...) ווער וועקט, ווער רופט.... וואָס ברענט דאָס מיין געזיכט? וואָס ציהט מיין האַרץ? פאַר חרפה, צו פאַר גליק? ווער וועט מיך ביי דער האַנד אָננעמען און מיך צו מיין מאַמע'ס קבר פיהרען?...
(דורך די צייט וואס זי רעדט, געהט זי איבער'ן שטעגעל, צום וועג צו.)

יוסטינע: קום, שוועסטער לעבען, קום... איך וועל דיר ביי דער האַנד אָננעמען און צו דיין מאַמענס קבר פיהרען...
(זי נעמט יין ביי דער האַנד און פיהרט זי,ביידע געהען אב ווייט אין דער נאַכט און ווערען פערנעפעלט אין דעם טהוי־וואלקען, וואס שטייגט פון דער ערד און געהט אין הימעל אויף.)

אנדרזשעי: (שטעהענדיג ביים שלאַגבוים, רעדט צו זיך.) מיין מאַמע האָט מיך אויפ'ן שיידע־וועג פערלאָרען, אויפ'ן שיידע־וועג פערלאָרען. איך ווייס נישט, וואו איך זאָל מיך ווענדען, צו רעכטס, צו לינקס? שטעה איך ביי דעם שלאַגבוים און ווייס נישט, ווער איך בין, וואו איך קום, וואָס איז דיין, וואָס איז מיין. עס איז מיר אלעס איינס... אַלעס איינס......

(דער פאָרהאַנג פאַלט זעהר לאַנגזאַם)

ענדע.

ביכערפערלאַג „צוקונפט" ווילנאָ.

עס פערקויפען זיך פאָלגענדע אויסגאבען :	פרייז ר.	פרייז ק.	פאָרט. קאָפּ.
ר. זיידעל. דער נאָרמאלער ארבייטס-טאָג (אויספערקויפט).	—	5	
ק. קויטסקי. די אינטערעס. פון די היינטיגע קלאסען (אויספ.)	—	7	
ק. מארקס און פר. ענגעלס. דער קאָמוניסט. מאניפעסט	—	6	4
ק. מארקס. לוינארבייט און קאפיטאל, מיט דער פאָרעדע פון פר. ענגעלס	—	7	4
א. מיראבא. זשאן און מאדלענע, א דראמע פון ארבייטער לעבען אין 5 אקטען	—	22	
ש. ניגער. וואָס איז אזוינס דער אידישער ארבייטער?	—	4	2
דניאלי. אונזערע קריטיקער	—	15	6
יעקב לעשצינסקי. דער אידיש. ארבייטער (אין רוסלאנד)	—	50	20
יעקב לעשצינסקי. דער אידיש. ארבייטער (אין לאָנדאָן)	—	20	6
ש. אש. משיח'ס צייטען, א דראמע אין דריי אקטען.	—	35	6
א. באריסאוו. מאקסימום העזה און מינימום ערנסקייט	—	22	6
ל. ים. צו דער פעראייניגונג פון בינדמיט דער ר. ס. ד. א. פ.	—	7	4
שלום אש. דער גאָט פון נקמה, א דראמע אין 3 אקטען (צווייטע אויפלאגע).	—	35	6
ק. פארנבערג. דער שטוטגארטער קאָנגרעס און זיינע פראָבלעמען (ערשטעס העפט).	—	15	4
" " צווייטעס העפט	—	15	2
Д-ра К. Форенберга, Враги имиграціи	—	25	4
Я. Лещинскій Новый курсъ Бундовской мысли.	—	15	4

אויפ'ן סקלאד פון „צוקונפט" געפינט זיך צום פערקויף
די נייסטע אויסגאבע פון אלע פרץ'ס שריפטען,
פרייז 2 רובל.
אויך „הערשעלע'ס לידער". פרייז 25 קאפ',
סוחרים בעקומען ראבאט.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

Кингоиздательство „ЦУКУНФТЪ" Вильно.

3 0112 062187981

פרייז 35 קאפ.